ש. באַסטאָמסקי

מאָרדכי אַנטאָקאָלסקי

ביאָגראַפיע

מיט צוויי פּאָרטרעטן פון דעם באַרימטן
סקולפּטאָר און פיל בילדער פון זיינע ווערק.

פאַרלאַג
„די נייע יידישע פאָלקסשול"
ווילנע

199

ווילנע—1922.

„לעבן“

העפטן פון צייט צו צייט

פאַר ליטעראַטור, קונסט און פובליציסטיק.

אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט.

1. העפטן I—X

מיט ווערק פון

ש. אַנ—סקי, י. דינעזאָן, א. ווייטער, א. קאַציזנע, ז. סעגאַלאָוויטש, ש. ל. ציטראָן, א. מאָרעווסקי, מ. עלקין, ז. רייזען, ב. קאַרלינסקי, מ. קולבאַק, א. פרידקין, ד״ר צ. שאַבאַד, ד״ר י. ווינאָדסקי, מ. שאַליט, נח פרילוצקי, ח. לונסקי, י. ראָזענבוים, ד. טשאַרני א. א.

2. אַנ—סקי־בוך,

(ספּעציעלע אויסגאַבע)

זכרונות, מאַטעריאַלן, ביאָגראַפיע, דאָקומענטן, בילדער און נאָטיצן וועגן ש. אַנ—סקי און זיינע ווערק און וועגן „דבוק“.

3. פון די מלחמה־יאָרן,

(ספּעציעלע אויסגאַבע)

פאָלקלאָר, דאָקומענטן און זכרונות.

רעדאַקציע: מ. שאַליט, ווילנע, ג״ר. פּאָהוליאַנקע 9.

הויפּטפאַרקויף: פאַרלאַג ש. שרעבערק, ווילנע, רודניצקער 16.

ש. באַסטאָמסקי

מָרדכַי אַנטאָקאָלסקי

ביאָגראַפיע

מיט צוויי פּאָרטרעטן פון דעם באַרימטן
סקולפּטאָר און פיל בילדער פון זיינע ווערק.

פאַרלאַג
„די נײַע יידישע פאָלקסשול“
ווילנע

ווילנע—1922.

דרוקעריי בר. ראָזענטאַל. ווילנע, רודניצקער 7.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY SEP 10 1943
Gift of Louis Bamberger

אילוסטראַציעס:

	זייט
מרדכי אנטאָקאָלסקי—פּאָרטרעט	
דאָס הויז, וואו אנטאָקאָלסקי איז געבאָרן געוואָרן	4
דאָס הויז, וואו אנטאָקאָלסקי האָט פארבראַכט זיינע יונגע יאָרן	6
דער שניידער	16
דער קארגער	23
די אינקוויזיציע	26
דער בָקי	27
דער חַריף	28
יאָהאַן דער גרויזאמער	37
אנטאָקאָלסקי ביי זיך אין אטעליע	42
שפּינאָזע	45
נעסטאָר	47
פעטער דער גרויסער	49
נתן דער חכם	52
סאָקראַטעסעס טויט	55
דער לעצטער פרילינג	57
מעפיסטאָ	59
די בארימהארציקע שוועסטער	61
פּאָרטרעט פון מרדכי אנטאָקאָלסקי געצייכנט פון איליא. רעפּין	62

מרדכי אַנטאָקאָלסקי.

געבאָרן 1843. גשטאָרבן 1902.

עד־היום זיינען נאָך פאַרבליבן אין ווילנע די שמאָלע געסלאַך, וואו ס׳האָט זיך אַמאָל געפונען די יידישע געטאָ.

אין איינער פון דידאָזיקע ווילנער געסלאַך*) איז מיט אַ יאָר 80 צוריק (דעם 21 אָקטאָבער 1843) געבאָרן געוואָרן דער וועלט־באַרימטער יידישער סקולפטאָר מרדכי (מאַרק) אַנטאָקאָלסקי.

די ערשטע קינדעריאָרן און די בעסטע יאָרן פון דער יוגנט האָט אַנטאָקאָלסקי פאַרבראַכט אין אָרימקייט און אין נויט. די עלטערן זיינע האָבן געהאַלטן אַ שענק מיט אַ טשיינע. פון די ביידע פּרנסות האָבן זיי אָבער קוים געצויגן די חיונה. זיי האָבן געדאַרפט אויסהאַלטן אַ גרויסע געזינט און ס׳פלעגט זיי אויסקומען זייער אַ סך צו האָרעווען. שטענדיק זיינען זיי געווען פאַרהאַוועט און פאַרטונקלט. פאַר זיך איז קיינמאָל קיין צייט ניט געווען, מיט דער דערציאונג פון די קינדער איז ניט געווען ווען זיך צו פאַרנעמען. דער פאָטער איז געווען אַ פּראָסטער און אַ אומוויסנדער מענטש. ער האָט פיינט געהאַט די קינדער און פלעגט זיך באַציען צו זיי זייער שטרענג. די מוטער איז, פאַרקערט, געווען זייער אַ גוטע. די קינדער זיינען ביי איר געווען טייער ווי דאָס לעבן. באַזונדערס ליב און טייער איז איר געווען דער קינפטיקער קינסטלער, דער קליינער מאָטעלע. די אָרימע פרוי האָט אָבער קיין

*) אין דער אַזויגערופענער יאַטקעווער געסל, הויף № 17. דער הויף איז אַ דורכהויף. איין טויער קומט אויך אַרויס אויפן פּלאַץ, וואָס אויף דער ברייטער גאַס, דער אַזויגערופענער גלחס הויף (№ 59)

אין יאָר 1906 האָט די ווילנער שטאָט־פאַרוואַלטונג איינגעמויערט אין טויער פון דעם הויף צום אָנדענק פון מ. אַנטאָקאָלסקי אַ שטיינערנעם טאָוול, אויף וועלכן ס׳איז אין רוסיש אָנגעשריבן: „דאָ איז געבאָרן געוואָרן און האָט געלעבט מאַרק בר׳ מתתיהו אַנטאָקאָלסקי״

איצט, צום 20־סטן יאָרצייט פונם באַרימטן קינסטלער, האָט די ווילנער יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אויך געדאַרפט איינמויערן אַזאַ מין טאָוול, אָבער שוין מיט יידישע אותיות.

צייט ניט געהאַט קיין סך זיך אָפּצוגעבן מיטן ליבן קינד.

און אַזוי אַרום האָט מרדכי אַנטאָקאָלסקי אין זיינע יונגע יאָרן זעלטן געהערט אַ גוט וואָרט. געזען אַ ליבן ״שמייכל״, געפילט אַ צערטלאַכן גלעט.

דאָס הויז, וואו אַנטאָקאָלסקי איז געבאָרן געוואָרן.

אַנטאָקאָלסקי האָט זייער ליב געהאַט די מוטער זיינע און די ליבע צו איר איז ביי אים פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. „איך ליב זי דערפאַר—דערציילט ער שפּעטער אין זיינע זכרונות,—וואָס זי איז געוועזן אַ מוטער פאַר אַלעמען. איך געדענק אונזער אָרימע לאַגע. ניט געקוקט אָבער אויף דעם, פלעגט זי בשתּיקה פון טאַטן טיילן זיך מיט אָרימע לייט מיטן לעצטן ביסן״.

פון קינדווייז אויף האָט שוין אַנטאָקאָלסקי געטראָגן אין זיך דעם געטלאַכן פונק פון אַ קינסטלער. אַ פאַרהָלומטער פלעגט ער אַרומגיין איבער די ענגע צימערן פון דעם שמוציקן שענק, איבער דעם טומלדיקן דורכהויף, איבער די שמאָלע שמוציקע געטאָ-געס-לאַך און אינערגעץ זיך קיין אָרט ניט געפינען. דעם קינפטיקן קינסטלער האָט געצויגן אין די ברייטע פרייע גאַסן, צו די שיינע אָפענע מויערן, צו עפּעס שענערס און העכערס ווי די אַרומיקע געטאָ. קיינער פון די

ארומיקע האָט אים אָבער ניט פאַרשטאַנען און ניט געקוקט אויף אים.

אַ סך, זייער אַ סך צרות האָט זיך אַנטאָקאָלסקי אָנגעליטן אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן. אָט ווי אַזוי ער אַליין באַשרייבט אין אַ בריוו צו אַ פריינד, ווי ער האָט פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן:—„אַלע האָבן מיך פיינט געהאַט. ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט מיך געשלאָגן. קיינער פלעגט מיר ניט ווייזן קיין פרייע מינע, פון קיינעם פלעג איך ניט הערן קיין גוט וואָרט. קיין נייעם בגד האָב איך קיינמאָל ניט אָנגעטאָן. וואָס עס פלעגט שוין אַראָפּפאַלן פון אַ פרעמדן לייב, דאָס פלעגט מען מיר געבן טראָגן. „גולם", „ליימענע הענט"—אָט אַזוי פלעגט מען מיך רופן. יעדערער האָט געהאַט אויף מיר אַ שליטה און פלעגט זיך מיט מיר פאַרשאַפן, וואו נאָר ער האָט געוואָלט"...

זייער פרי האָט זיך ביי דעם קינפּטיקן קינסטלער אָנגעהויבן אַרויסצוּווייזן דער טאַלאַנט צום צייכענען. דער חשק צום צייכענען איז ביי אים געווען גאָר אין לשער. פאַר אַ בלייער איז רעכט געווען אָפּצוגעבן דעם איבערבייסן. ווי נאָר ער פלעגט כאַפּן אַ שטיקל פאַפּיר, פלעגט ער זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט. און אַז ס'איז קיין פאַפּיר ניט געווען, איז רעכט געווען צו מאָלן אויפן טיש, אויף די ווענט, אויף דער פאָדלאָגע. אָפטמאָל פלעגט ער זיך אַזוי פאַרטיפן אין דער אַרבעט, אַז ער פלעגט אָפּזיצן איבער איר אַ גאַנצינקע נאַכט.

אַנטאָקאָלסקיס עלטערן זיינען געווען, ווי געזאָגט, פּראָסטע אומוויסנדע מענטשן. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען ווי צו שעצן דעם טייערן אֶבֶן־טוב זייערן און ניט נאָר ניט מיטגעהאָלפן, נאָר, פאַרקערט, געשטערט אים אַנטוויקלען די נאַטירלאַכע פייאיקייטן זיינע. האַלטן אַ בלייער און צייכענען האָט ביי זיי געהייסן אומזיסט פאַטשקען פאַפּיר, פאַרברענגען די צייט אין גאָרניט. פאַרן שניצן מיט אַ מעסערל פלעגט מען אים „אָפּהאַקן די הענט". אין יענע צייטן, מיט אַ יאָר 80 צוריק, זיינען נאָך ביי יידן קיין שולן ווי איצט ניט געווען. דאָס יידיש קינד פלעגט פאַרברענגען זיינע בעסטע יאָרן

אין די שמוציקע חדרים און פינסטערע תּלמוד־תּורות. דער רבּי האָט שטענדיק געהאַלטן דאָס קינד אין דער מורא. דאָס קינד האָט ניט געהאַט קיין מעגלאַכקייט אַרויסצווייזן זיינע פעיִקייטן, אויסצודריקן זיינע פאַרלאַנגען. מער וואָלט ניט פעלן דעם תּלמיד, ווען דער רבּי וואָלט אים כאַפּן מאָלנדיק אָדער שניצנדיק. מאָלן, צייכענען, שניצן, קלעפּן—דאָס אַלץ האָט מען אין יענע צייטן געהאַלטן ביי יידן פאַר נאַרישע פוסטע זאַכן.

איינמאָל איז אַנטאָקאָלסקי געשטאַנען אין פענסטער. האָט ער דערזען ווי עס פאָרט אַריין אין הויף אַן אַלטער וואַסער־פירער. דער אַלטער טרייבט דאָס פערדל און דאָס וואַסער פּלוסקעט זיך פון פאַס. אַנטאָקאָלסקי האָט גלייך גענומען אַ קויל און אָנגעצייכנט דאָס בילד אויף דער וואַנט פון אויוון.

דאָס הויז וואו אנטאָקאָלסקי האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן.

דער יונגער קינסטלער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי דער פאָטער איז אַריינגעקומען. אַז דער פאָטער האָט דערזען די „פאַרפאַטשקעטע" וואַנט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען און טופען מיט די פיס. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום יינגל און גענומען אים שלאָגן. דאָס יינגל איז

נאָכדעם עטלאַכע טעג געלעגן קראַנק פון די קלעפּ.

אַנטאָקאָלסקיס אַ באַקאַנטע, אַן עלטערע פרוי, וואָס דערציילט די דאָזיקע געשיכטע אין אַ סך יאָרן אַרום, באַמערקט דערביי: „דאָס בילד איז געווען אַזוי לעבעדיק אויסגעמאָלט, אַז איך געדענק נאָך היינט די אויסגעמאָלטע וואַסער־שפּריצן, וואָס זיינען זיך פונאַנדערגעפלויגן פון דער נישט פעסט פאַרשטאָפּטער לאָך פון פאַס".

אַז מרדכי איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, האָבן די עלטערן שוין געגנומען זוכן פאַר אים אַ תכלית. זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל וואָס גיכער אָנהייבן צו פאַרדינען געלט. אַנטאָקאָלסקי איז אויסגעווען ביי עטלאַכע מלאכות: ביי אַ שמוקלער, ביי אַ שניצער א. א. איינמאָל האָבן אים די עלטערן גאָר געוואָלט אַוועקגעבן צו אַ קוימענקערער. קיינע פון די דאָזיקע מלאָכות האָבן אים אָבער ניט געקענט באַפרידיקן. די אַרבעט איז אים געווען פרעמד און ניט ליב. איין אַרבעט איז אים לכתחילה יע געפעלן געוואָרן. דאָס איז געווען די אַרבעט פון אַ שניצער. דער באַלעבאָס האָט אים אָבער ניט געלאָזן טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, און אַנטאָקאָלסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט ביי אים ווייניק וואָס דערגיין. אין יענער צייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסצוּווייזן ביי אים די נאַטירלאַכע גייסטיקע שטרעבונגען, ס'האָט זיך שוין ביי אים אויפגעוועקט דער טאַלאַנט און ס'האָט אים געצויגן צו פרייע שאַפונגען.

דער גרעסטער פאַרגעניגן פון דעם יונגן קינסטלער פלעגט זיין, ווען ער פלעגט פאַרבלייבן איינער אַליין ביינאַכט. דאַן פלעגט ער זיך בלויז אָפּגעבן דער אַרבעט: צייכענען, קלעפּן, שניצן פאַרשיידענע פיגורן. די אַרבעט פלעגט אָפּגעטאָן ווערן בשתיקה, קיינער זאָל ניט זען, קיינער זאָל ניט הערן.

דער ערשטער, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַנטאָקאָלסקיס שאַפונג און האָט אים צוגעגעבן מוט אויף ווייטער צו אַרבעטן, איז געווען אַן איינגייער פון שענק, איינער אַן ערדמעסטער, אַ מענטש מיט אַ רייכער דערהויבענער נשמה.

דער ערדמעסטער האָט דערציילט דעם יונגן אַנטאָקאָלסקין

אַ סך געשיכטעס פון דעם לעבן פון די אויסלענדישע קינסטלער, ווי אַזוי זיי פלעגן לעבן, שאַפן און ליידן.

„געווען — פלעגט ער דערציילן — אַזוינע קינסטלער, וואָס האָבן געאַרבעט נאָר צוויי שָׁעה אין מעת־לעת, ביים זונאויפגאַנג און ביים זונאונטערגאַנג... געווען אַמאָל אַ קינסטלער, וואָס האָט געשאַפן אַ וואונדערלאַך בילד און איז באַלד אויפן אָרט געשטאָרבן. דאָס בילד איז געווען אַזוי שיין, אַז דער קינסטלער האָט זיך פון אים ניט געקענט אָפּקוקן. דאָס בילד איז פאַר אים געשטאַנען און ער איז אָפּגעטראָטן אַהינטער. פון גרויס באַגייסטערונג האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אויף אַ הויכן אָרט, איז ער אַראָפּגעפאַלן און געהַרגעט געוואָרן״...

דער ערדמעסטער האָט דער ערשטער פאַרוואָרפן צום יינגל אין מוח דעם געדאַנק וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון קונסט און קינסטלער וועגן דעם, אַז דער קינסטלער שטייט העכער פאַרן פּראָסטן המון.

— דאָס איז אַ סטאַדע שעפּסן! — פלעגט ער אָפּטמאָל טענָהן צום קינד, אָנווייזנדיק אויפן גאַסיקן עולם — זיי לעבן אָן אַ געפיל און אָן אַ נשמה. קוק ניט אויף זיי! דו ביסט אַ קינסטלער. דו ביסט דער האַר פון דער נאַטור, אַ טייערער שטיין, נאָך ניט קיין געשליפענער!... דו ביסט אַ קינסטלער און זיי פאַרשטייען דיך ניט. אַנטלויף פון דאַנען! אַנטלויף צום טעמפּל פון קונסט!... דאָרט וועסטו געפינען די שאַפונגען פון די וועלט־באַרימטע קינסטלער, וועסט דערזען אַ נייע וועלט, וועסט ווערן גאָר אַן אַנדערער״! די אַלע דערציילונגען האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע פון דעם יונגן אַנטאָקאָלסקי. מיט אַ ציטער אין האַרצן פלעגט ער זיך צוהערן צו די רייד פון דעם עלטערן חבר. די באַגייסטערטע רייד פלעגן אָנצינדן ביים יונגן קינסטלער אין דער נשמה אַ הייסע שטרעבונג צו אַן אַנדער לעבן, צו קונסט, צו שאַפונג.

אַנטאָקאָלסקיס טאַלאַנט איז מיט דער צייט אַלץ מערער געוואַקסן און זיך געשטאַרקט. וואָס ווייטער איז אים אַלץ שווערער

געוואָרן צו פאַרבלייבן אין די ד׳ אמות פון טאַטע-מאַמעס שענק. די אַרומיקע סביבה האָט אים געשטיקט און געדריקט.

אין יענער צייט האָט זיך אַנטאָקאָלסקי באַפריינדעט מיט אייניקע חברים יונגע לייט. דידאָזיקע חברים האָבן אָפּגעשאַצט אַנטאָקאָלסקיס טאַלאַנט. זיי האַבן אים געראַטן ער זאָל זיך בילדן. אָן בילדונג וועט ער קיין זאַך ניט דערגרייכן. דער נאָענטסטער פון דעם סקולפּטאָרס חברים איז געווען איינער אַ יונגערמאַן וואָלף באַרעל. באַרעל האָט באַקומען מיטעלע בילדונג און אָנגעהערט צו די ווילנער משכילים. אַנטאָקאָלסקי האָט זיך מיט אים באַפריינדעט אין עלטער פון 18 יאָר און זייער פריינדשאַפט האָט זיך ניט איבערגעריסן ביז באַרעלס פריצייטיקן טויט.

וואָלף באַרעל האָט שטאַרק געהאַלטן פון אַנטאָקאָלסקין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פון אים וועט אַרויס אַ גרויסער קינסט-לער. באַרעלס אַ ברודער, אַ רייכער מענטש, אַ יוּוועלירער, האָט ניט געוואָלט ליידן, וואָס אַנטאָקאָלסקי איז געוואָרן אַ צו אָפטער אַיינ-גייער צו זיי אין הויז.

— וואָס האָסטו געפונען אין דעם שענקערס זון? — פלעגט ער פרעגן.

— וועסט זען — פלעגט אים וואָלף ענטפערן — ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען מענטשן וועלן האַלטן פאַר אַ כבוד, אַז דעם שענקערס זון וועט מיט זיי ריידן.

שפּעטער, זייענדיק אין פּעטערבורג, האָט אַנטאָקאָלסקי זייער אָפט געשריבן צו באַרעלן, דערציילט אים וועגן זיינע איינדריקן, איבערלעבענישן און ערפאָלגן אין דער אַרבעט, געטיילט זיך מיט אים מיט די פריידן און ליידן.

אונטער דער ווירקונג פון די חברים האָט אַנטאָקאָלסקי אָנגעהויבן צו שטודירן די רוסישע שפּראַך, צו לייענען רוסישע ביכער. (אין יענער צייט זיינען אַלע שולן געווען אין רוסיש און אָן דער רוסישער שפּראַך האָט מען זיך ניט געקענט באַגיין). דאָס לערנען זיך איז אַנטאָ-קאָלסקין אויך אָנגעקומען זייער שווער. ער האָט ניט געהאַט קיין

מיטלען, קיין לערער, קיין ביכער. די עלטערן האָבן פון דעם אפילו ניט געטאָרט וויסן. דער שטאַרקער ווילן, די הייסע שטרע־בונג צו קענען האָבן אָבער אַלץ מנַצח געווען און אַנטאָקאָלסקי איז אין אַ קורצער צייט זייער אַ סך דערגאַנגען.

אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך ניט פאַרלאָזן די קונסט־אַרבעט. דער טאַלאַנט זיינער איז געוואָרן אַלץ רייפער. אין יענער צייט איז אָבער אין ווילנע געווען שווער צו קריגן די פאַסיקע לערער, וואָס זאָלן מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דעם יונגן קינסט־לער. די חברים און די פריינד האָבן דעריבער אָנגעוויזן אַנטאָקאָלסקין, אַז ס׳וואָלט זייער גוט געווען, ווען אים וואָלט זיך איינגעגעבן אַריינצופאַלן קיין פעטערבורג (די דאַמאָלסדיקע הויפטשטאָט פון רוסלאַנד), דאָרט וואָלט ער געהאַט אַ מיגלאַכקייט צו באַזוכן די קונסט־אַקאַדעמיע און ס׳וואָלט שוין פון אים געוואָרן אַ לייט.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט זיך אַנטאָקאָלסקי צוגע־הערט צו די רייד פון זיינע חברים וועגן דער אַקאַדעמיע. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן דעם, בויען פאַרשיידענע פלענער.

פון די אַלע פלענער זיינע האָט אָבער גאָרניט געקענט ווערן. ווי קומט עס צו אַן אָרים יידיש יינגל אָן אַ גראָשן געלט פאָרן אַזש קיין פעטערבורג, אָנקומען דאָרט אין דער אַקאַדעמיע! און טראַכטנ־דיק וועגן דעם, פלעגט ער פאַרביטערט ריידן צו זיך אַליין: — „ס׳איז נאָר אַ חלום, אַ חלום וואָס קען זיך ניט פאַרווירקלאַכן!“ אַנטאָקאָלסקי האָט געפרוווט דערציילן זיינע פלענער די עלטערן. די עלטערן האָבן אָבער פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערן. זיי האָבן דאָס אָנ־גענומען פאַר אַ משוגעת, וואָס מ׳דאַרף וואָס גיכער אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. טאַטע־מאַמע האָבן פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך איינ־אָרדנען אין ווילנע און לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן — „וואָס דאַרפסטו פּטְרן די יונגע יאָרן און דאָס געזונט, אַוועקפאָרן ערגעץ אין עק וועלט. דאָ קענען דיך אַלע. האָסט גאָלדענע הענט, וועסט לייכט פאַרדינען דיין שטיקל ברויט“.

איינגיכן האָט זיך אָבער געטראָפן אַ צופאַל, וואָס האָט גע־

חירקט אויף דעם ווייטערדיקן גורל פון דעם יונגן קינסטלער. דער דאָזיקער צופאַל האָט אויך געגעבן אַנטאָקאָלסקין אַ מיגלאַכקייט צו פאַרווירקלאַכן זיינע חלומות און דערגרייכן דעם ציל, צו וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געשטרעבט.

אין ווילנע איז דאַן געווען אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר נאַזימאָוו. די פרוי זיינע איז געווען אַ גרויסע ליבהאָבערין פון קונסט. צופעליק איז איינמאָל צו דער פרוי נאַזימאָוו אַריינגעפאַלן אנטאָקאָלסקיס אַ שניץ־ארבעט. די אַרבעט האָט געמאַכט אויף דער פרוי אַ שטאַרקן איינדרוק און זי האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן יונגן קינסטלער. זי האָט זיך באַקאָנט מיט זיין לאַגע און אָנגענומען זיך מיטצוהעלפן אים פאָרזעצן זיין בילדונג. זי האָט אים געגעבן אַ ביסל געלט און אויך די נויטיקע רעקאָמענדאַציע־בריוו צום פראָפעסאָר פון סקולפטור אין דער קונסט־אַקאַדעמיע ניקאָלאַי פימאָנאָוו. אַנטאָקאָלסקי האָט דאַן פאַרלאָזן ווילנע און איז אַוועקגעפאָרן קיין פעטער־בורג. דאָס איז געווען אין יאָר 1862. אַנטאָקאָלסקי איז דאַן אַלט געווען 20 יאָר.

ווי גרויס עס איז געווען אַנטאָקאָלסקיס פרייד, איז שווער צו באַשרייבן.

— „איך האָב מיך געפילט אין די הימלען — שרייבט ער אין זיינע זכרונות — איך האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר מיט מיר. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך שוועב אינ־דערלופטן אויף פליגלען הויך, הויך... איך שוועב אין עפּעס אַ וואונדער־פולן רוים. איך קען פליען וואוהין איך וויל, אפילו איבער די אָקעאַנען, העכער פון אַן אָדלער...״

די ערשטע רייזע קיין פעטערבורג איז אויף לאַנג פאַרבליבן ביי אַנטאָקאָלסקין אין זכרון און ער האָט זי שפּעטער באַשריבן אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע.

„דעם גאַנצן וועג האָב איך וועגן קיין זאַך ניט געטראַכט, נאָר וועגן גליק, וואָס ס׳האָט מיך געטראָפן. געפאָרן בין איך אין דריטן קלאַס. ס׳איז געווען ענג, שמוציק. איך האָב אָבער קיין זאַך

ניט געזען און ניט געפילט.״ אויף אַלע פּאַסאַזשירן האָט דער יונגער בחור געקוקט ווי אויף אייגענע, נאָענטע. די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אין וועג אַ פּעקל מיט גוטע זאַכן, אַ פּאָר פלאַשן ראָם. אַנטאָקאָלסקי האָט בר׳דערלאַך צעטיילט די אַלע גוטע זאַכן צווישן די פּאַסאַזשירן און האָט גאָר פאַרגעסן, אַז די אַלע מענטשן זיינען אים ווילד־פרעמדע, אַז מאָרגן וועט ער אַליין ניט האָבן וואָס צו עסן.

אין פּעטערבורג הייבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל אין דעם לעבן פון אַנטאָקאָלסקי. דאָ האָט זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן איבערגעביטן אי דאָס לעבן אי די סביבה פון קומענדיקן קינסטלער. די ערשטע צייט קומט דאָ אויס אַנטאָקאָלסקין צו ליידן אַ סך דחקות און נויט. דער פּראָפעסאָר, צו וועלכן די געגערעראַלשע האָט אַנטאָקאָלסקין געגעבן דעם בריוו, איז גראָד אינדערהיים ניט געווען. אַנטאָקאָלסקי האָט זיך דערפילט זייער עלנט. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז דער פּראָפעסאָר געקומען קיין פּעטערבורג און אַנטאָקאָלסקי האָט געהאַט די מיג־לאַכקייט מיט אים צו ריידן. אַנטאָקאָלסקי האָט געוויזן דעם פּראָ־פעסאָר זיינע אַ שניצונג פון האָלץ. דער פּראָפעסאָר האָט זייער פריינדלאַך אויפגענומען דעם יונגן קינסטלער, ער האָט געלויבט זיין אַרבעט און צוגעזאָגט אים מיטצוהעלפן ביים אָנקומען אין דער אַקאַדעמיע. נאָך אַ ענדגילטיקער תשובה האָט דער פּראָפעסאָר געהייסן אַנטאָקאָלסקין קומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווייל די פראַגע האָט געדאַרפט באַשליסן דער ראַט פון דער אַקאַדעמיע.

אין משך פון דער צייט, איידער דער גורל זיינער איז באַ־שלאָסן געוואָרן, פלעגט אַנטאָקאָלסקי אַלע טאָג קומען צו דער געביידע פון דער אַקאַדעמיע. מיט אַ קלאַפּונג אין האַרצן פלעגט ער שטונדלאַנג אַרומגיין אַרום דער געביידע, אַריינקוקן אין די פענסטער, און געפילט עפּעס אַ געטלאַכע מורא. מיט קנאה האָט ער געקוקט אויף די גליקלאַכע, פאַר וועלכע עס זיינען אָפן געווען די טירן, וועלכע האָבן זוכה געווען דאָרט צו אַרבעטן און זיך צו בילדן. דאָרט אינעווייניק, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, איז אַ גן

עדן, וואָס איז פול מיט ליכט און גלאַנץ, קונסט און פּאָעזיע.

גאַנצע צוויי וואָכן האָט געדויערט די שווערע ערוואַרטונג. ענדלאַך האָט ער באַקומען די פריילאַכע בשורה, אַז מ׳האָט אים אָנגענומען פאַר אַ פרייען צוהערער. פאַר קיין שטענדיקן צוהערער האָט מען אים נאָך דערווייל ניט געקענט אָננעמען, ווייל ער האָט זיך געדאַרפט פאַרפולקומען אין צייכענען און אין די אַלגעמיינע לימודים.

ניט קוקנדיק אָבער אויף דעם, וואָס מ׳האָט אים אָנגענומען נאָר פאַר אַ פרייען צוהערער, האָט זיך אַנטאָקאָלסקי דאָך געפילט גליקלאַך. דעם טאָג פון זיין אָנקומען אין דער אַקאַדעמיע (8 נאָוועמ־בער 1862) האָט אַנטאָקאָלסקי גערעכנט פאַר דעם גליקלאַכסטן אין זיין לעבן.

אין דער אַקאַדעמיע האָט זיך אַנטאָקאָלסקי איבערגעגעבן דער אַרבעט בלב ונפש. ער איז געווען אַזוי באַגייסטערט און פאַרטיפט, אַז ער פלעגט גאָרניט מערקן, ווי די שעהן פלעגן אַריבערפליען.

פריער, איידער ער איז אָנגעקומען אַהער, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז די אַרבעט איז דאָ אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז בעסער קען גאָרניט זיין. זייענדיק אינעווייניק, האָט ער זיך אָבער איבערצייגט, אַז סיי אין דער אַרבעט סיי אין דער אָרדענונג זיינען פאַראַן זייער אַ סך פעלערן.

אַנטאָקאָלסקי האָט געמיינט, אַז אין דער אַקאַדעמיע וועלן אַלע זיין אַזוי באַגייסטערט און איבערגעגעבן דער אַרבעט ווי ער. ער האָט אָבער אַ גרויסן טעות געהאַט. אין אַ סך זאַכן איז אים אויסגעקומען אינגיכן זיך צו אַנטוישן.

די לימודים זיינען אַוועקגעשטעלט שלעכט. אַ סך לערער באַזוכן גאָרניט די קלאַסן. די שילער און די פּראָפעסאָרן זיינען איינע די אַנדערע פרעמד. די סטודיעס פון די פּראָפעסאָרן זיינען פאַר די שילער פאַרמאַכט. דער גרעסטער טייל פון די לערער זיינען געווען אַלט, האָבן ניט אַרויסגעוויזן צו דער אַרבעט קיין

לעבעדיקן אינטערעס, צו אַלץ באַצויגן זיך קאַלט, גלייכגילטיק.

— „כמעט אַלע אונזערע פּראָפעסאָרן, דערציילט אַנטאָקאָלסקי, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון מידע און אָפּגעלעבטע מענטשן. זיי האָבן אַפילו געהאַט אַלטע פאַרדינסטן. צו דער צייט אָבער, ווען איך האָב באַזוכט די אַקאַדעמיע, האָבן זיי זיך באַצויגן צו דער אַרבעט אַפּאַטיש. מ׳האָט די אַרבעט פאַרלאָזן. מיט קיין זאַך זיך ניט אינטערעסירט".

די בעסטע לערער זיינען געווען דער סקולפּטאָר פּימענאָוו און דער מאַלער ריימערס. די ביידע קינסטלער זיינען אָבער באַלד אַוועקגעשטאָרבן און די לימודים האָבן נאָך מערער אָנגעהויבן צו ליידן.

ניט געקוקט אויף קיין זאַך, האָט אַנטאָקאָלסקי דאָך געטאָן זיין אַרבעט מיט גרויס חשק. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך אַזוי פאַרפולקומט אין צייכענען און אין די איבעריקע לימודים, אַז מ׳האָט אים אָנגענומען פאַר אַ שטענדיקן שילער פון דער אַקאַדעמיע.

— „מיינע חלומות זיינען מקוים געוואָרן — האָט אַנטאָקאָלסקי שפּעטער באַשריבן די דאָזיקע צייט — און אין אַ גרעסערער מאָס, ווי איך אַליין האָב געוואַרט. איך בין געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מוטיק, דרייסט, לייכט, אַקוראַט ווי עמיצער וואָלט מיך געטראָגן. איך בין געווען אויסער זיך פאַר פרייד און האָב זיך אָפּגעגעבן דער אַקאַדעמיע מיט דער גאַנצער נשמה; מיט גרויס חשק באַזוכט די לעקציעס, געאַרבעט פלייסיק אַ גאַנצן טאָג ביז מיד ווערן".

אין דער אַקאַדעמיע האָט אַנטאָקאָלסקי פאַרבראַכט זיבן יאָר. די באַגייסטערונג זיינע באַציט זיך נאָר צו די ערשטע יאָרן.

זייענדיק אין דער אַקאַדעמיע האָט אַנטאָקאָלסקי אין דער־זעלבער צייט זייער אָפט באַזוכט די מוזייען, זעלבשטענדיק שטודירט די אַנטישע פיגורן. אייניקע פון זיי האָט ער געקענט אַזוי גוט, אַז פאַרמאַכנדיק די אויגן, פלעגט ער זיך קענען פאָרשטעלן ווי

אַזוי זיי זעען אויס מיט אַלע זייערע פּרטים. דאָרט אין די מוזייען און אין די אַרכיוון פּלעגט ער שטודירן די אַלטע בגדים און חפצים, פאַרשיידענע זייטן פון דעם אַמאָליקן לעבן. אַנטאָקאָלסקי האָט אויך זייער אַ סך געלייענט, געזוכט אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן, וואָס האָבן אים געמאַטערט. ער האָט בכלל זייער אַ סך געאַרבעט פאַר דער אייגענער אַנטוויקלונג.

נאָר אָט האָט זיך דאָס ערשטע לערניאָר געענדיקט, ס׳האָבן זיך געדאַרפט אָנהייבן די ערשטע קאַניקולן. אַנטאָקאָלסקין האָט אָנגעהויבן צו ציען אַהיים „ס׳האָט זיך מיר געוואָלט אָנקוקן — דערציילט ער — די קרובים, די באַקאַנטע, דעם ערדמעסטער, דערציילן אַלעמען מיין פרייד, באַזוכן די ליבע ערטער פון מיין געבורטשטאָט, דעם הינטערשטאָטישן וואַלד און די בערגלאַך, וואו איך פלעג אין די קינדעריאָרן אַזוי אָפט אַרומלויפן און פאַרברענגען. די דאָזיקע נאַטור האָט נאָך עד־היום פאַר מיר עפּעס באַצויבערנ־דיקעס. ניטאָ דאָ קיין גראַנדיעזעס, וואָס באַרושמט. זי פאַרמאָגט אָבער אַ זעלטענע איינפאַכע שיינקייט, וואָס באַרואיקט און באַגייסטערט... מיט דריי טעג פאַרן אָפּפאָרן האָב איך שוין פאַרפּאַקט מיין טשעמאָדאַן און בין געווען גרייט צו פאָרן. אויף דער סטאַציע בין איך געקומען דער ערשטער. איך האָב גענומען אַ בילעט, געשטעלט זיך פון וויטן און באַקוקט דעם אַרומיקן עולם. „ווער קען זיך צו מיר גלייכן״? האָב איך זיך געטראַכט. אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט אָן די קינדעריאָרן. פּונקט מיט אַזאַ פריילאַכן ציטער פלעג איך וואַרטן אויפן פּסח. די שטוב איז אויפגעראַמט יום־טובדיק, די פּאָדלאָגע איז אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד און מיט גרינס. איך שטיי אין די נייע מלבושים אַ יום־טוב־דיקער, אַ גליקלאַכער... גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט אויף אַ שעה צייט. איך בין געוואָרן אַזוי אומגע־דולדיק, אַז ס׳האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן. נאָר אָט דערנענטערט זיך דער צוג צו ווילנע. איך דערקען יעדער

וועג, יעדער בערגל, אַלץ איז מיר אַזוי באַקאַנט, אַזוי נאָענט...
און אָט בין איך שוין אינדערהיים. די שטוב איז פול מיט קרובים און שכנים. אַלע ווילן מיך אָנקוקן, שלעפּן מיך, פרעגן מיך, פרייען זיך. די חברים פון הויף האָבן באַלאַגערט די פענסטער און קוקן אַריין צו אונז אין שטוב ווי אויף אַ חתונה"...

אַ סך בכבודיקע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן איינגעלאַדן דעם גליקלאַכן צו זיך, פונאַנדערגעפרעגט אים וועגן דעם, ווי אַזוי עס לעבט זיך דאָרט ווייט אין דעם פרעמדן פּעטערבורג. פון איינעם אַזאַ באַזוך גיט אַנטאָקאָלסקי איבער אַזאַ סצענע:

װער שנײדער.

אַ ווילנער גביר האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און גענומען פונאַנדערפרעג, וואָס מ׳טוט דאָרט אין דער אַקאַדעמיע-איר מאַכט דאָרט מענטשעלאַך? האָט ער באַמערקט נאָך אַנטאָקאָלסקיס דערקלערונג — ווער זשע קויפט אָט די מענטשעלאַך? — קנאַפּ משוגעים פאַראַן אויף דער וועלט?...—האָט געענטפערט אַ צווייטער ייד, וואָס איז דערביי געזעסן.

אַנטאָקאָלסקי האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליין צימערל אויף אַ שאלקע און מיט גרויס חשקגענומען זיך צו דער אַרבעט
דאָ אין דעם צימערל האָט ער דאָס געמאַכט זיין ערשטע קונסט-ווערק — „דער שניידער", אַ שניצונג פון האָלץ. די דאָזיקע אַרבעט האָט צוגעצויגן צו אים די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט.

„דאָרט אין ווילנע, דערציילט אַנטאָקאָלסקי אין זיינע זכרונות, האָב איך געמאַכט מ״ין ערשטע אַרבעט פון האָלץ: אַן אַלטן יידן אַ שניידער, וואָס בויגט זיך אַרויס פון פענסטער, כדי אַריינצוציען אַ פאָדים אין אַ נאָדל.

איך געדענק שוין ניט ווי אַזוי די אידעע איז ביי מיר געשאַפן געוואָרן. די אַרבעט איז געווען פאַר מיר דער ערשטער קוש פון שאַפונג, דער ערשטער ליכט-שטראַל אין אַ זומערדיקן טאָג... איך האָב געאַרבעט מיט אַזוי פיל פלייס, אַז כ׳פלעג ניט באַמערקן ווי דער טאָג פלעגט ניט ווערן, פאַרגעסן אַפילו אָן עסן. די מאַמע פלעגט קומען מיר דערמאָנען אַז ס׳איז שוין צייט צו ענדיקן. אַז ס׳פלעגט פינסטער ווערן, פלעג איך זיך ערשט אָפּרוען. פון דער אַרבעט האָט מיר גענומען וויי טאָן אַ האַנט. איך בין אָבער געגאַנגען צום דאָקטאָר נאָר דאַן, ווען דער „שנ״ידער״ איז געווען געענדיקט״.

אין דעם „שניידער״ דריקן זיך שוין אויס די וויכטיקסטע שטריכן פון אַנטאָקאָלסקיס שאַפונג — די איינפאַכקייט און די לעבנס-ווירקלאַכקייט. יעדער מוסקול, יעדער קנייטש, יעדער שטריך פון פנים זיינען ריכטיק ווי אין דער ווירקלאַכקייט. אַלע צוזאַמען גיבן זיי אַזוי עכט איבער די געפילן פון דעם אַלטן שניידער, אַז ס׳איז פשוט צו באַוואונדערן. פאַר אָנשטרענגונג האָט דער אַלטער פונאַנדערגעעפנט דעם מויל, פאַרזשמורעט די אויגן, אָנגעשפאַרט די אַלטע האַנט אָן פענסטער-ברעט, כדי די האַנט זאָל זיך ניט טרייסלען. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. יעדער איינצלהייט פון דער פיגור איז זעלטן ריכטיק און באַווייזט אַ גרויסע באַאָבאַכטונגס-פייאיקייט פון קינסטלער.

אין הארבסט איז אין פעטערבורג געווען אַ קונסט-אויסשטעלונג. אַנטאָקאָלסקי האָט דאָרט אַרויסגעשטעלט זיין אַרבעט. „דער שניידער״ האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דערהויפּט האָט די אַרבעט פאַרליבט דער באַרימטער קונסט-קריטיקער וולאַדימיר סטאַסאָוו. ער האָט אָנגעשריבן וועגן אַנטאָקאָלסקין זייער אַ

וואַרימען אַרטיקל. די אַקאַדעמיע האָט אַרויסגעגעבן אַנטאָקאָלסקין פאַר דער אַרבעט אַ זילבערנעם מעדאַל.

מיטן יונגן קינסטלער האָט מען זיך פאַראינטערעסירט און מ׳האָט וועגן אים אָנגעהויבן צו ריידן. עס האָט זיך אויך געפונען איינער אַ רייכער מאַן, וואָס האָט די אַרבעט אָפּגעקויפט. אַ אינטע־רעסאַנטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען מיט אַנטאָקאָלסקין, ווען ער האָט געדאַרפט באַקומען דעם ערשטן האָנאָראַר פאַר דער אַרבעט. דער גביר האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און געפרעגט וויפיל ער וויל פאַר דעם „שניידער". אַנטאָקאָלסקי האָט זיך דאַן געפונען זייער אין אַ געדריקטער לאַגע. די גרעסטע סומע, וואָס ער האָט זיך דאַן געקענט פאָרשטעלן צו באַקומען פאַר אַן אַרבעט, איז געווען הונדערט רובל. און ניט טראַכטנדיק קיין סך, האָט ער טאַקע אויסגעבעטן פאַרן „שניידער" אַ הונדערטער. ער האָט זיך אָבער באַלד אַליין דערשראָקן פאַר דער גרויסער סומע. דער גביר האָט זיך ניט געדונגען און דערלאַנגט אים די הונדערט רובל. דער יונגער קינסטלער איז געווען צזוי איבעראַשט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. מיט גרויס האַסט האָט ער זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, ניט זאָגנדיק דעם גביר אפילו קיין „גוטן טאָג".

אין משך פון יאָר 1862 האָט אַנטאָקאָלסקי זייער אַ סך אויפ־געטאָן פאַר דער אייגענער זעלבסטבילדונג און זעלבסטאַנטוויקלונג. דאָס לעבן אין פעטערבורג האָט אויך געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם און אים זייער פיל נוצן געבראַכט.

אין רוסלאַנד איז דאַן געווען זייער אַ אינטערעסאַנטע צייט. אַנטאָקאָלסקי איז אַריינגעפאַלן קיין פעטערבורג אין די 60־סטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערטס, בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין דעם רוסישן געזעלשאַפטלאַכן לעבן. דאָס איז געווען די צייט פון די רעפאָרמעס פון דעם רוסישן קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. די אינטעליגענץ און דער נייער דור

איז געווען באַגייסטערט מיט די באַפרייונגס־שטרעבונגען. מ׳האָט שאַרף קריטיקירט און אָפּגעוואָרפן דאָס אַלטע און אָפּגעלעבטע. ס׳האָט זיך געמערקט אַ שטאַרקע אויפלעבונג סיי אין דער ליטע־ראַטור סיי אין דער קונסט.

די יונגע קינסטלער זיינען אַ׳זעק אויף אַ נייעם וועג, אַ וועג פון פרייהייט, זעלבשטענדיקייט און נאַציאָנאַלער שאַפונג.

אַנטאָקאָלסקי איז אַריינגעטראָטן אין אַ קרייז פון יונגע קינסטלער קליינרוסן. אַלע אָוונט פלעגט זיך דער קרייזל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מאַן 12 — 13 אָרימע אַקאַדעמיקער, צונויפקלייבן אין אַ קליין צימערל ביי איינעם פון די חברים. ס׳איז געווען ענג און הייס, אָבער אַלע זיינען געווען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. איינער האָט פאָזירט און די איבעריקע האָבן געצייכנט. צו די קינסטלער פלעגן אָפט אַריינקומען צו גאַסט סטודענטן פון אוני־ווערזיטעט. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט האָט אין יענער צייט ניט געהאַלטן פון קונסט. — „קונסט ברענגט ניט קיין נוצן — פלעגן זיי טענהן — דעריבער איז דאָס אַן איבעריקע זאַך“. צווישן די אַקאַדעמיקער און די סטודענטן פלעגן זיך פונאַנדערברענען הייסע דיסקוסיעס וועגן קונסט.

מיט גרויס פרייד דערמאָנט אַנטאָקאָלסקי די צייט פון די קרייזלאַך. — „מיר פלעגן זיך אַמפּערן, — דערציילט ער — שרייען אַלע צוזאַמען, ניט הערן ניט יענעם, ניט זיך אַליין, אַריבערשפּרינגען פון איין זאַך אויף דער צווייטער... די סטודענטן האָבן געקוקט אויף דער קונסט ווי אויף אַן איבעריקער זאַך. זיי פלעגן טענהן: די קונסט איז מער ניט ווי אַ פּוסטע שפּיל און עס איז ניט כדאי מיט דעם זיך צו פאַרנעמען. אַן עפּל אַן אמתער, פלעגן זיי שפּאַסן, איז אַ סך ניצלאַכער ווי אַן עפּל אַן אָנגעצייכנטער...

די קינסטלער פלעגן זיך פאַרטיידיקן.—די קונסט פלעגן זיי אָנווייזן,—מאַכט שענער און רייכער דאָס לעבן פון דעם מענטשן. די קונסט איז אַ טייל פון דעם מענטשנס נשמה. דער וואָס ס׳פילט ניט קיין קונסט, האָט קיינמאָל ניט קיין אמתע גייסטיקע פאַרגעניגן.

די דיסקוסיעס פלעגן זיך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט. מ׳פלעגט זיי אַרויסטראָגן אויף דער גאַס, אַמפּערן זיך ביז הייזעריק ווערן. אויף מאָרגן פלעגט זיך אָנהייבן די דיסקוסיע צווישן די קינסטלער גופא. אַלעמען האָבן געוואָרפּן דערפון די פראַגן; וואָס איז דאָס קונסט? וועמען איז דאָס נויטיק? וואָס פאַרלאַנגט זי פון מענטשן, פון לעבן? וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט זי? אַ סך פון די אַקאַדעמיקער, ניט באַקומענדיק קיין ענטפער אויף די אַלע פראַגן, פלעגן זיך אַנטוישן אין דער אַרבעט און וואַרפן זי. די שטאַרקערע אָבער פלעגן דעם מוט ניט פאַרלירן. זיי האָבן געפונען, אַז, כדי טיפער צו פאַרשטיין די קונסט, מוז מען זיך נאָך מערער לערנען, שטודירן פאַרשיידענע וויסנשאַפטן. צו דער גרופּע פון די שטאַרקע האָט אויך געהערט מאַרק אַנטאָקאָלסקי.

אַנטאָקאָלסקיס מאַטעריעלע לאַגע איז אין יענער צייט געווען אַ שרעקלאַכע. געלעבט האָט ער בסך הכל מ״ט 10 רובל אַ חודש. דאָס געלט פלעגט ער באַקומען אַלס סטיפּענדיע פון באַראָן גינזבורג. פון די 10 רובל האָט ער געדאַרפט צאָלן דירה-געלט, קויפן זיך עסן און די נויטיקע מכשירים צו דער אַרבעט. ניט איינמאָל איז דעריבער אויסגעקומען דעם יונגן קינסטלער צו הונ-גערן. אַ פּאָר גבירים האָבן זיך יע אָנגענומען אים אונטערצושטיצן. זיי האָבן אים געגעבן רעקאָמענדאַציעס צו זייערע באַקאַנטע און אַנטאָקאָלסקין פלעגט אויסקומען אַרומצולויפן מיט די דאָזיקע בריוו פון איין גביר צום אַנדערן. דאָס רוב פלעגט דער גאַנג זיין אַן אומזיסטער און אַנטאָקאָלסקי פלעגט זיך פילן זייער שלעכט.

איינמאָל האָט מיט אים פּאַסירט אַזאַ פאַל: ער איז אַרויף אויף די טרעפּ צו אַ גביר און האָט אָנגעקלונגען אין טיר. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק און איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. „איך וויל ניט! איך וויל ניט!“ — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין און איז אַוועק אַ הונגעריקער אַהיים. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ זייגערל, האָט ער פאַרקויפט דעם זייגערל און געשטילט

דעם הונגער. כּדי צו פֿאַרדינען אויף דורכצולעבן האָט אַנטאָקאָלסקי איינמאָל אָנגענומען אַ שטיקל אַרבעט ביי אַ שניצער; געשניצט פֿאַר אים באַלן צו ביליאַרד. פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס האָט ביי אים געדויערט 3 טעג און 3 נעכט, האָט ער אינגאַנצן באַקומען 5 רובל...

אַנטאָקאָלסקי האָט געוואוינט אין אַ קליינטשינקן קעמערל אויף אַ הויכן גאָרן, דער באַלטן דאָרט איז געווען אַזוי נידעריק, אַז אָן באַלטן פֿלעגט ער רייבן שוועבעלאַך... אין זייגע בריוו צו זיין פֿריינד באַרעלן קלאָגט ער זיך אויף דעם, וואָס ס'קומט אים אויס צו גיין אין צעריסענע בגדים. אָט איז אַן אויסצוג פֿון אַזאַ מין בריוו: „... מיינע ליימענע יידעלאַך האָב איך געוואָלט טראָגן צום פֿאָטאָגראַפֿשטשיק, נאָר איך האָב גערעכנט בעסער פֿריער אָוועקצוטראָגן מיינע טאַשן צום שניידער, ווייל, ווי דו ווייסט, זיינען זיי שוין לאַנג צעריסן, און אַזוי ווי איך האָב באַקומען אייניקע גראָשן, האָב איך געוואָלט פֿאַרריכטן די טאַשן, כּדי איך זאָל האָבן וואו געלט צו האַלטן... אָבער דער שניידער האָט ביי מיר צוגענומען דאָס געלט פֿאַרן פֿאַרריכטן, אַלזאָ.. פֿאַרשטייסט? און דער פֿאָטאָגראַפֿשטשיק וויל ניט אָננעמען די טאַשן אָן געלט"...

נאָך אין אַ בריוו שרייבט אַנטאָקאָלסקי: „אין קלאַס אַרבעט איך דעם גאַנצן טאָג און האָב ניט קיין פֿרייע מינוט. נאָר דערפֿאַר בין איך איצט ביי זיך ניט געפֿאַלן... דעם ערשטן מאָל האָב איך אָנגעפֿאַנגען אין קלאַס ליים־אַרבעט. און דעם ערשטן נומער האָב איך באַקומען אויפֿן עקזאַמען. די סקולפּטאָרן זיינען מיר געוויס געוואָרן שטילע אומפֿריינד. מיך ערגערט דאָס ווייניק. קעסט האָב איך שלעכטע... און אַזוי לעבט מען מיט האָפֿענונג אין דער צוקונפֿט..."

אַ סך כּוחות דאַרף מען האָבן, אַ גרויסן טאַלאַנט און אַ שטאַרקן גלויבן אין זיך, כּדי צו גיין ביי אַזוינע באַדינגונגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און דרייסט און מוטיק זיך אָפּגעבן דער קונסט,

דעם זומער פון יאָר 1864 האָט אַנטאָקאָלסקי פאַרבראַכט אין ווילנע. ער האָט געוואוינט אויף פּאָהולאַנקע אין זאַקרעטער וואַלד. אַנטאָקאָלסקי האָט זייער ליב געהאַט דידאָזיקע זומערוואוינונג און האָט שפּעטער אַזוי באַשריבן זיין לעבן דאָרט: — „דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאָ באמת הנאה געהאַט פון דער נאַטור. גאַנצע טעג בלאָנדזשע איך אַרום איבער דעם געדיכטן וואַלד. אַלץ איז דאָ פאַר מיר ניי און אינטערעסאַנט. פון פיל אַרומגיין ווער איך מיד. איך לייג זיך אין גראָז אויפן פּלייצע און קוק דורך די צווייגן אויף דער טיפער בלאָקייט פון הויכן הימל, אויף די ווונדערבאַרע פאָרמעס פון די זילבערוואָלקנדלאַך, וואָס ווערן פון ווינט געטריבן. איך הער זיך צו צום גערויש פון די ביימער. עפּעס שעפּטשען זיי און שושקען זיך אינדערהויך, שאָקלען מיט די קעפּ... די זון פאַרגייט. אַ פאַרגאַפטער ליג איך און שעפּ נחת פון דעם ווונדערבאַרן בילד. אין וואַלד ווערט פינסטער... ס׳פאַלט אויף מיר אַרויף אַ מורא. איך קום אַהיים. שלאָפן אָבער קען איך ניט. די קלינגענדיקע טרעלן פון דעם נאַכטיגאַל ברענגען מיך אַריין אין אַ זעלטענער התפעלות. ס׳קאָכט אין מיר עפּעס אַן אינעווייניקסטער כוח. ס׳ווערט מיר מיטאַמאָל אַזוי גוט, אַזוי פריילאַך, ס׳ווילט זיך לויפן, לאַכן...“

איצט, ווען אַנטאָקאָלסקי איז שוין געווען אַ שילער פון דער אַקאַדעמיע, האָבן די אַלע שטונ־יקע זיך אָנגעהויבן צו באַציען צו אים גאָר אַנדערש. ס׳איז שוין קיין זכר ניט געבליבן פון דער אַמאָליקער באַציונג צו אים. אַנטאָקאָלסקי אַליין איז אויך געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. איינע אַ פרוי (באַרעל), וואָס האָט אים גוט געקענט, דערציילט אַזוי וועגן אים:

„פּעטערבורג האָט שטאַרק געווירקט אויף אַנטאָקאָלסקיס כאַראַקטער. אין דער יוגנט איז ער געווען זייער אַ לעבעדיקער, אַ רירעוודיקער, האָט פיל גערעדט, זיך שטענדיק געהכמעט און אומעטום גערוקט זיך. ווען ער פלעגט קומען צו אונז אין יוועליר־געשעפט, פלעגט ער גלייך אַוועקגיין אין וואַרשטאַט און שטהנלאַנג

שטיין און קוקן ווי די יוועליר-מייסטערס אַרבעטן. שפּעטער, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון פּעטערבורג, האָט ער זיך שטאַרק אומגעביטן, ווי ער וואָלט באַקומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. ער איז געוואָרן סאָליד, איינגעהאַלטן, האָט פיל געאַרבעט, אויסגעמיטן געזעלשאַפט און מערסטנטיילס געשוויגן. ווען ער פלעגט נישט אַרבעטן, האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד. דעם וואַלד האָט ער שטאַרק ליב געהאַט... ווי אַ לעבעדיקער שטייט ער פאַר מיינע אויגן: אַ מאָגער, די אויגן ברענען, אויפן קאָפּ אַ קוטשמע צע-פּודלטע האָר, זיצט אין אַ ווינקל, שווייגט און קוקט אַלעמען נאָך מיט אַ שאַרפן בליק. עס איז געווען נישט אַרויסצושלעפּן אים פון זיין ווינקל."


דער קאַרגער

אין יאָר 1865 האָט אַנטאָ-קאָלסקי געשאַפן אַ צווייטע ווערק, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך אַ גרעסערן שם. דאָס ווערק איז געווען געשניצט פון העלפאַנדביין און האָט געהייסן „דער קאַרגער". די שניצונג „דער קאַרגער" שטעלט פאָר, ווי אַ קאַרגער ייד זיצט ביי אַ טישל און ציילט געלט. אויפן טישל ליגט אַ קופּע געלט. דער קאַרגער האַלט די שטאַרק-צונויפגעדריקטע האַנט איבער דעם געלט און ציילט... דערביי איז די געלט-דורשט איבערגעגעבן אַזוי בולט, אַז עס דאַכט זיך, אַז די ליימענע האַנט ציטערט. דער טיפּ איז געכאַפּט וווּנדערבאַר-ריכטיק, פּונקט ווי אַ לעבעדיקער.

פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט אַנטאָקאָלסקי באַקומען די קייסערלאַכע סטיפּענדיע און אַ זילבערנעם מעדאַל.

-- „דער קאַרגער" האָט מיך גראָד גוט באַלוינט – דערציילט אַנטאָקאָלסקי — שוין גאָרניט ווי אַ קאַרגער"...

אין יענער צייט האָט זיך אַנטאָקאָלסקי באַפריינדעט מיטן באַוווסטן רוסישן קינסטלער רעפּין. רעפּין האָט אַריינגעבראַכט אַנטאָקאָלסקין אין אַ קרייז פון פרייע קינסטלער, וואָס האָבן זיך ניט גערעכנט מיט די כּללים פון דער אַקאַדעמיע און געזוכט נייע וועגן אין דער קונסט.

בראש פון דעם קרייז זיינען געשטאַנען דער קינסטלער קראַמסקי און דער קונסט-קריטיקער וולאַדימיר סטאַסאָוו. דער לעצטער האָט זיך באַצויגן צו אַנטאָקאָלסקיס טאַלאַנט מיט גרויס אינטערעס און האָט אים פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. די גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ מאַן 40. אַלע דאָנערשטאָג פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין אַ באַשטימטן וואוינונג. איבערן מיטן זאַל פלעגט מען אַוועקשטעלן אַ טיש, אָנלייגן אויף אים אַלע וויכטיקע מכשירים און צוטרעטן צו דער אַרבעט. יעדער פלעגט זיך פריי אויסוויילן די טעמע לויט זיין גוסט. אַהער פלעגן זיך אויך צונויפקומען ליטעראַטן און מוזיקער. אָפטמאָל פלעגן פאָרקומען פאַרויילונגען און ליטעראַרישע געשפּרעכן.

דער דאָזיקער קרייז האָט געהאַט זייער אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אַנטאָקאָלסקין.

די זומערדיקע חדשים פון יאָר 1867 האָט אַנטאָקאָלסקי ווידער פאַרבראַכט אין ווילנע, אין אַ זומערוואוינונג אויף פּאָהולאַנקע ביי זיין פריינד באַרעלן. דאָ האָט אַנטאָקאָלסקי אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער אַ ווערק, וואָס האָט געזאָלט זיין לויט זיין מיינונג זיין בעסטע שאַפונג. דאָס איז געווען דער אָנפאַל פון דער אינקוויזיציע אויף די יידישע אנוסים פּסח צום סדר.

עס איז די טרויעריקע געשיכטע פון די פינסטערע צייטן פון מיטלאַלטער, ווען מ׳האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון שפּאַניע. צווישן די יידן האָבן זיך דאַן געפונען פיל אַזוינע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון גירוש. דיזאָזיקע יידן האָבן לפּנים אָנגענומען דעם קריסטלאַכן גלויבן. אין גרעסטן טייל זיינען זיי אָבער געבליבן יידן ווי פריער. זיי האָבן זיך גערופן „מאַראַנען" אָדער „אנוסים". באַהאַלטענערהייט פלעגן די אנוסים אָפּהיטן אַלע יידישע דינים און מנהגים. פאַרבאָרגענערהייט, אין די קעלערס, פלעגן זיי פייערן די יידישע יום־טובים. די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרן האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט און זיי האָבן גענומען נאָכשפּירן די אנוסים אויף טריט און שריט. ווען מ׳פלעגט כאַפּן ביי אַן „עבירה", פלעגט מען אָנטאָן די גרעסטע נגישות און צום סוף פאַרברענען אין מיטן גאַס.

אָט די היסטאָרישע טעמע האָט באַגייסטערט אַנטאָקאָלסקין און ער האָט זיך מיט גרויס פלייס גענומען שאַפן אַ סצענע פון דער דאָזיקער טרויעריקער געשיכטע.

דער אינהאַלט פון דער סקולפּטור איז אַזאַ: די סצענע קומט פאָר אין אַ פינסטערן קעלער. ביי אַ לאַנגן טיש זיצן יידן און ריכטן אָפּ דעם סדר. די פּנימער ביי זיי אַלעמען זיינען בלאַסע, טרוקענע און אומרויִקע.

פּלוצלונג דערהערן זיי ווי מ׳גייט איבער די טרעפּ. אַלע ווערן דערציטערטע. זיי פאַרשטייען, אַז עס גייט די אינקוויזיציע. די געפאַר איז גרויס. ס׳ווערט אַ שרעקלאַכע מהומה. מ׳הייבט אָן לויפן, יעדערער וויל זיך ראַטעווען. לויפנדיק האָבן זיי אומגעוואָרפן דעם טיש מיט אַלע כלים. ס׳איז שוין אָבער שפּעט. ראַטעווען וועט זיך שוין קיינער ניט קענען. דער שפּאַנישער ריכטער מיט זיין סוויטע גייען אַראָפּ פון די טרעפּ און קומען צו צו דער טיר.
אַלע זיינען זיך צעלאָפן, נאָר צוויי פיגורן זיינען געבליבן ביים טיש. זיי זיינען גרייט זיך צו באַגעגענען מיטן שונא פּנים־אל־פּנים.

Le K[illegible].

די גאַנצע סצענע—די סביבה, די מהומה, דער צער און צאָרן פון די פאַרזאַמלטע, איז פאַרגעשטעלט אַזוי גלענצנד, אַז זי פאַרכאַפּט פשוט דעם צושויער.

אַנטאָקאָלסקי האָט זייער ליב געהאַט דידאַזיקע סקולפּטור און האָט אין משך פון זיין לעבן פיר מאָל זי איבערגעמאַכט. די אַרבעט איז געווען ניי און אָריגינעל. ביז אים האָט נאָך קיינער אין דער סקולפּטור אַזוינס ניט געשאַפן.

אַנטאָקאָלסקי האָט גערעכנט, אַז די „אינקוויזיציע" וועט געוויס אויסנעמען ביי די פּראָפעסאָרן. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט. די פאָרשטייער פון דער אַקאַדעמיע, וואָס האָבן זיך געהאלטן אָן די אַלטע כללים, האָבן געפונען, אַז אַנטאָקאָלסקי האָט אין זיין ווערק ניט אָפּגעהיט די אָנגענומענע כללים און דעריבער איז דאָס ווערק ניט באַפרידיגנד. די אַרבעט איז אויפגענומען געוואָרן גאַנץ קאַלט.



דער בקי.

דאָס מיסגליק האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף אַנטאָקאָלסקין. ער האָט פאַרלאָרן דעם מוט און האָט אויף אַ געוויסע צייט אויפגעהערט צו שאַפן.

אין עטלאַכע חדשים אַרום פרוווט אַנטאָקאָלסקי אויסקלעפּן פון ליים אַ נייע סצענע פון יידישן לעבן — ווי צוויי יידן פּילפּלען זיך איבער אַ שטיקל גמרא. די דאָזיקע אַרבעט האָט ער ניט פאַרענדיקט. עס זיינען נאָר פאַרבליבן צוויי ביוסטן, איינער פון אַ יידן אַ בקי, אַ קענער. דער בקי ווייס אַ סך, איז אַ שטאַרקער

בעל=זכרון, ער גלויבט אין זיך און איז זיכער אין זיין נצחון.

דער צווייטער ביוסט שטעלט פאָר אַ יידן אַ חריף—אַ שאַרפן קאָפּ. זיין שטערן איז געראונצלט און די טיפע קנייטשן דערציילן פון זיינע טיפע געדאַנקען.

דעמזעלבן יאָר האָט אַנטאָקאָלסקי אויך אויסגעקלעפּט אַ קאָמישע סצענע: אַ יידינע זיצט אין מאַרק. די יידינע פאַרקויפט עפּל. עטלאַכע יינגלאַך רינגלען זי אַרום. איינער דינגט ביי איר אַן עפּל. די איבעריקע גנבענען דערווייל אַראָפּ ביי איר עטלאַכע עפּל און לייגן אין די קעשענעס.



דער חריף.

די ערשטע טעמעס פאַר זיינע פרייע שאַפונגען האָט אַנטאָקאָלסקי, ווי מיר זעען, גענומען פון יידישן לעבן. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך. ער איז אויס=געוואַקסן אין דער יידישער סביבה. אַלע געשטאַלטן און בילדער זיינען אים געווען נאָענט און ליב. זיי זיי=נען נאָך אַלע געווען פריש ביי אים אין זכרון, געשטאַנען אים פאַר די אויגן.

אַנטאָקאָלסקי האָט אויך געהאַט בדעה צו שאַפן סקולפּטורן פון אייניקע העלדן פון דער יידישער געשיכטע, ווי משה רבינו, מרים הנביאה, ירמיהו הנביא א. א. ער האָט אָבער די אַלע פּלע=נער זיינע ניט באַוויזן צו פאַרווירקלאַכן.

זייער לאַנג האָט זיך אַנטאָקאָלסקי אַרומגעטראָגן מיטן גע=דאַנק צו שאַפן אַ בילד פון דעם לעבן פון די קאַנטאָניסטן.

דאָס איז געווען אין די 50=טע יאָרן פון נייַנצענטן י. ה.

ווען אין רוסלאַנד האָט געקיניגט דער באַוווּסטער רָשע ניקאָלאַי דער 1-טער, יעדע יידישע קהילה האָט דאַן געדאַרפט צושטעלן אַלע יאָר אַ געוויסע צאָל רעקרוטן. אַזוי ווי אין אייניקע קהילות איז די צאָל געווען ניט פאַרפול, האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז מ׳מעג כאַפּן די אַלע, וואָס האָבן ניט קיין פּאַספּאָרטן און אָפּגעבן זיי פאַר סאָלדאַטן. דערביי פלעגט מען מעגן כאַפּן אפילו קליינע קינדער. ס׳איז שווער זיך גאָר פאָרצושטעלן די שרעקלאַכע געוויינען און די וויגעשרייען פון די אַלע אומגליקלאַכע מאַמעס און קרובים, ביי וועלכע מ׳פלעגט צונעמען די קינדער.

איינע אַזאַ סצענע, ווי אַזוי די קרובים זעגענען זיך מיט די אומגליקלאַכע געכאַפּטע קינדער, האָט אַנטאָקאָלסקי אַליין צוגעזען אין די קינדער-יאָרן.

די סצענע האָט געמאַכט אויף אים אַ גוואַלדיקן רושם. אָט איז אַן אויסצוג פון אַנטאָקאָלסקיס אַ בריוו וועגן דערדאָזיקער סצענע.

„דאָס איז געווען אין יאָר 1851. אָט איז געקומען דער טאָג, ווען מ׳האָט די געכאַפּטע רעקרוטן געדאַרפט אַרויסשיקן פון ווילנע. מ׳האָט זיי אָנגעטאָן אין גרויסע גראָבע שינעלן און געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין. אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט הינטער דער שטאָט, כּדי צו באַגלייטן די אומגליקלאַכע. ס׳איז געווען אַ הייסער טאָג. איך האָב געדאַרפט באַגלייטן מיינעם אַ פריינד און כ׳בין אויך אַוועק צום פּלאַץ.

קיינמאָל אין לעבן וועל איך ניט פאַרגעסן דאָס געשטאַלט פון איינער אַ פרוי, וואָס איז געלאָפן אָן אָטעם זיך זעגענען מיט אירן אַ קינד. אונטערן אָרים האָט זי געטראָגן אַ פּעקעלע. די שיך פון די פיס האָט זי אַראָפּגענומען, עס זאָל איר לייכטער זיין צו לויפן... די סצענעס אויפן פעלד וועל איך אויך געדענקען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן. אָט זיצט אַ טאַטע און בייט איין דעם זון אין שינעל עטלאַכע רובלדיקע אַסיגנאַציעס. אָט איז אַן אַלטיטשקער מיט אַ זון. זיי שטייען שוויגנדיק איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן,

האַלטן זיך פעסט פאַר די הענט. און אָן ווערטער קוקן זיי זיך אָן איינער דעם אַנדערן, אַ האַרץ פילט אַ האַרץ...

אָט האָבן עטלאַכע יידן, מיידלאַך און ייִנגלאַך אַרומגערינגלט דעם עלטערן אויפזעער פון די רעקרוטן: יעדער בעט אים, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין קינד, אַכטונג געבן אויף אים. אָט ליגט אַ מאַמע אויף דרערד לעבן איר קינד און וויינט מיט ביטערע טרערן. דאָס קינד שטייט לעבן איר און פאַרשטייט אפילו ניט, וואָס עס קומט פאָר, אַזוי יונג איז עס נאָך... אָט זיצט אַ ייִנגל גאָר אַליין, ווייזט אויס אַן עלנטער, זיצט און קוקט אין דער ווייטקייט. ער האָט ניט מיט וועמען זיך צו זעגענען... זיצט ער און זאָגט תהילים... פּלוצלונג דערהערט זיך דער קול פון דעם אָפיציר — מאַרש! אַלע שטעלן זיך, מ׳הייבט זיך אָן צו איילן. די געשרייען ווערן נאָך גרעסער. מ׳ברעכט די הענט. די פורן רירן זיך. דער עולם גייט זיי אַ ווײַלע נאָך... באַלד ווערן זיי אָבער פאַרשוווּנדן און פאַרומערטע, פאַרטרויערטע פאַלאָזן אַלע דעם פלאַץ״...

די דאָזיקע רירנדיקע סצענעס האָט אַנטאָקאָלסקי ניט באַוויזן צו שאַפן: די הויפּט סיבה איז געווען די, וואָס אים איז אויסגע־קומען צו פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין אויסלאַנד, ווייט פון דעם יידישן לעבן. אייניקע פריינד האָבן אים שפּעטער אַ סך מאָל דערמאָנט וועגן דעם, פאַרוואָס ער שאַפט ניט קיין יידישע טיפּן. אַנטאָקאָלסקי האָט זיי אויף דעם געענטפערט: „נאָר ד׳אַן, ווען דער קינסטלער לעבט צווישן דער מאַסע, וועט ער קענען שאַפן טיפּן פון דער מאַסע. כדי צו שאַפן די יידן אַזוי ווי איך קען זיי, מוז מען לעבן צווישן זיי, דאָרט, וואו דאָס לעבן אַרום קאָכט, ברויזט און זידט, אונטער די אויגן אָבער איז שווער״.

נאָכן דורכפאַל פון דער „אינקוויזיציע״ לעבט אַנטאָקאָלסקי איבער אַ מאָמענט פון גרויסן יאוש. ער זעצט אפילו פאָר די אַר־בעט, אָבער אין דער אַרבעט זיינער איז איצט ניטאָ קיין באַגייס־

טערונג, ניטאָ דער פריערדיקער ברען. דער קינסטלער פילט זיך זייער שלעכט. עס ווערן אים נמאס די אַקאַדעמיע און די פּראָפעסאָרן. ער קען שוין מער ניט פאַרבלייבן אין פעטערבורג, עס הייבט אים אָן צו ציען קיין אויסלאַנד. קיין אייגענע מיטלען האָט אָבער אַנטאָקאָלסקי ניט געהאַט. מיט דער הילף פון זיינע פריינד גיט זיך אים סוף־כל־סוף איין צו באַקומען פון באַראָן גינזבורג אַ געוויסע סומע און ער פאָרט אָפּ קיין בערלין. אין דייטשלאַנד איז דאַן די קונסט געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה ווי אין רוסלאַנד. די הויפּטשטאָט פון דייטשלאַנד, בערלין, איז רייך מיט פאַרשיידענע מוזייען און קונסט־אויסשטעלונגען, דאָרט זיינען פאַראַן זייער אַ סך קונסט־אַנטיקן. אַנטאָקאָלסקי האָט גערעכנט, אַז דאָרט אין בערלין וועט ער זיך אָפּפרישן, אַנטוויקלען, דערזען גאָר אַ נייע וועלט. און די ערשטע צייט האָט ער זיך דאָרט טאַקע געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. גאַנצע טעג פלעגט ער פאַרברענגען אין די מוזייען, באַטראַכטן און שטודירן די פאַרשיידענע קונסט־ווערק. די אַנטציקונג פון דעם קינסטלער האָט אָבער געדויערט ניט לאַנג. בערלין האָט אים אויך ניט באַפרידיקט. דאָס, וואָס זיין נשמה האָט געזוכט, האָט ער דאָרט ניט געפונען.

אין בערלין האָט זיך אַנטאָקאָלסקי גענומען צו אַ נייעם עסקיז פון דער „אינקוויזיציע". דעם עסקיז האָט ער איצט געמאַכט אין אַ קליינעם פאָרמאַט פון וואַקס און פון האָלץ. אַנטאָקאָלסקי האָט דאָ געשאַפן נאָך אייניקע קלענערע זאַכן. זיינע אַרבעטן האָבן אָבער דאָ אין בערלין קיין ערפאָלג ניט געהאַט.

דערווייל זיינען ביים קינסטלער אויסגעגאַנגען די געלט־מיטלען. קיין הילף האָט ער פון קיינעם ניט באַקומען. אַנטאָקאָלסקי האָט ניט קיין מיגלאַכקייט צו פאַרבלייבן ווייטער אין בערלין און ער פאָרט אָפּ קיין ווילנע און פון דאָרט צוריק קיין פעטערבורג.

דער קינסטלער פילט זיך דאַן זייער שלעכט. ס'איז ניטאָ קיין מוט, ס'הייבן זיך ניט די הענט צו אַרבעטן. ער גייט אַרום ווי אַ שאָטן, זיצט גאַנצענע טעג אינדרהיים אַ פאַרדאַגהטער, אַ פאַר־

טראַכטער. — „מיינע געדאַנקען, דערציילט אַנטאָקאָלסקי, זיינען דאַן געווען שוואַרצער ווי די נאַכט“.

די געדריקטע שטימונג האָט אָבער לאַנג ניט געקענט דויערן. בּיסלאַכווייז הייבּן זיך בּיי אים אָן די געדאַנקען אויסצולייטערן, דער ווילן צום שאַפן — שטאַרקט זיך.

איינמאָל פלוצלונג נאָך אַ בּאַזוך פון אַ מוזיי איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו שאַפן אַ ווערק, וואָס האָט אים שפּעטער בּארימט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז געווען דאָס געשטאַלט פון דעם בּאַרימטן רוסישן פירשט יאָהאַן דער גרויזאַמער, וואָס האָט געלעבּט אין זעכצעטן יאָרהונדערט. יאָהאַן דער גרויזאַמער איז בּאַוווּסט אין דער רוסישער געשיכטע אַלס אַ גרויסער אכזר. די אונטערטעניקע האָבּן פון אים זייער אַ סך געליטן. דער פירשט איז געווען אַ קראַנקער און אים פלעגט זיך אַלץ דאַכטן, אַז די אַרומיקע זיינען אים ניט טריי. פאַרן קלענסטן חשד אין אומטרייקייט פלעגט מען די פאַרזינדיקטע אָנטאָן די גרעסטע נגישות, פייניקן בּיז צום טויט. טויזנטער אומשולדיקע מענטשן האָט יאָהאַן אומגעבּראַכט פון דער וועלט. אין דער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז דער פירשט פלעגט זיך צוקוקן צו די יסורים פון די געפייניקטע און דערבּיי שטאַרק הנאה האָבּן. און אַמאָדנע זאַך, דער דאָזיקער אכזר איז געווען זייער פרום. גאַנצע געבּט פלעגט ער אָפּטמאָל פאַרבּרענגען אין תפילות. בּיינאַכט פלעגט אים משמָעות אָנהייבּן צו פייניקן דאָס געוויסן. אויף מאָרגן נאָך די נגישות פלעגט ער אויפשטיין אַ צעבּראָכענער, אַ מידער, אַ נערוועזער. פון יעדער קלייניקייט פלעגט ער ווידער ווערן אויפגעבּראַכט און בּייז. און ווידער פלעגן זיך אָנהייבּן די נגישות. פאַר די אַלע אכזריות האָט יאָהאַן געקראָגן דעם נאָמען „גרויזאַמער“.

אין די 60־סטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבּן זיך אייניקע רוסישע שריפטשטעלער פאַרינטערעסירט מיט דער עפּאָכע פון יאָהאַן דעם גרויזאַמען און זיי האָבּן בּאַשריבּן די דאָזיקע טרויעריקע צייט אין זייערע ווערק.

אַנטאָקאָלסקי האָט זיך אויך פאַרינטערעסירט מיט דער פערזענלאַכקייט פון יאָהאַן דעם גרויזאַמען און האָט באַשלאָסן צו שאַפן זיין געשטאַלט. דער קינסטלער האָט גענומען שטודירן די עפּאָכע פון יאָהאַן דעם גרויזאַמען און איז מיט גרויס פלייס צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

יענעם זומער האָט אַנטאָקאָלסקי צוליב דער אַרבעט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין פעטערבורג. ביי דער פאַרוואַלטונג פון דער אקאַדעמיע האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען אַן ערלויבעניש צו אַרבעטן זומער־צייט אין איינעם פון די גרויסע קלאַסן. אַנטאָקאָלסקי איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז אים געווען זייער ליב און וואָס ווייטער, האָט ער זיך אַלץ מערער און מערער באַגייסטערט.

אָט ווי אַזוי אַנטאָקאָלסקי דערציילט אַליין וועגן דעם מאָמענט פון זיין שאַפונג: „איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער גאַנצער ענערגיע, וואָס איך האָב פאַרמאָגט. געאַרבעט מיט אַ פיבערהאַפטער גיכקייט, ניט געפילט קיין מידקייט און קיין הונגער. אַרבעטנדיק האָב איך אונטערגעזונגען, זיך געבייזערט, זיך אויפגערעגט, געמאַכט פאַרשיידענע העוויות — דאָ פאַרקוועטשט די ליפּן, דאָ פונאַנדערגעעפנט דעם מויל, פאַרהאַלטן דעם אָטעם... עס האָט זיך מיר געוואָלט איבערגעבן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געפילט, אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט, אַריינגעבן מיין נשמה אין דעם ליים, אַריינהויכן אין דעם לעבן... ביי יעדן שטריך, ביי יעדן שמיר האָב איך געציטערט... אַזוי פלעגט אַריבערגיין דער טאָג און אָנקומען די נאַכט.

גייענדיק אין גאַס האָב איך געקוקט אויף דעם קאָכיקן לעבן, געזען מענטשן, געשעפטן. נאָר פאַר מיינע אויגן איז אַלץ געשטאַנען דאָס געשטאַלט ניט פאַרענדיקט. איך פלעג אים ברענגען אַהיים, אַנטשלאָפן ווערן מיט אים, אומגעדולדיק וואַרטן אויפן מאָרגנדיקן טאָג“.

אַזוי האָט ער געאַרבעט אָן אויפהער אין משך פון 6 וואָכן. די אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט שטאַרק געווירקט אויף אַנטאָקאָלסקיס געזונט. ביי דער אַרבעט האָט ער געהאַט זייער אַ סך עגמת־נפש. איינמאָל האָט דער אַרבעטער, מיט וועלכן ער פלעגט זיך פאַרשאַפן, צופיל איינגענעצט די האַנט פון דער סטאַטוע און די האַנט איז אַראָפּגעפאַלן. אַ צווייטן מאָל האָט אַנטאָקאָלסקי צוליב אַ פאַרזען געדאַרפט איבערמאַכן אַ גרויסן טייל פון דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט.

פון גרויס אָנשטרענגונג איז אַנטאָקאָלסקי קראַנק געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו שפייען מיט בלוט. די דאָקטוירים האָבן אים געראַטן צו וואַרפן די אַרבעט און אויסרוען זיך. דאַן איז אַנטאָקאָלסקי אָפּגעפאָרן אַהיים. אין ווילנע האָט ער פאַרבראַכט ביזן סוף זומער. דאָס געזונט זיינס האָט זיך אַביסל פאַרבעסערט און דאַן איז ער ווידער געקומען קיין פעטערבורג און ווידער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. זייענדיק אין ווילנע האָט זיך אַנטאָקאָלסקי געטראָפן מיט אַ יונגן יינגל אליהו גינזבורג. דאָס יינגל האָט געהאַט אַ גרויסן געפיל צום צייכענען. אַנטאָקאָלסקי האָט דערזען זיינע פייאיקייט און האָט זיך מיט אים פאַרינטערעסירט. ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך קיין פעטערבורג און דאָרט אונטער זיין השפעה האָט זיך דאָס יינגל גענומען אַנטוויקלען. שפּעטער איז פון דעם דאָזיקן יינגל אויך אַרויסגעוואַקסן אַ באַרימטער סקולפּטאָר.

נאָך אין אָנהייב פון דער אַרבעט האָט אַנטאָקאָלסקי באַגעגנט אַ סך שטערענישן מצד די אָנפירער פון דער אַקאַדעמיע. אייניקע לערער און חברים האָבן שוין פון לאַנג גענומען קיקן אויף אים מיט גרויס קנאה. אייניקע האָבן אים פשוט געראָדפט, ווייל ער איז געוועזן אַ ייד. וואו נאָר ס׳איז מיגלאַך געווען, פלעגט מען אים באַליידיקן און באַעוולען. ניט איינמאָל האָט מען זיינע ווערק ניט צוגעלאָזן צו אַ קאָנקורס. ניט איינמאָל האָט מען אויסגעטראַכט

אויף אים פאַרשיידענע בלבולים, אַנטאָקאָלסקי האָט געפילט די קנאה־שנאה פון די חברים און לערער און האָט שטאַרק געליטן פון דעם. ער האָט אָבער דעם מוט ניט פאַרלאָרן.

— וואָס מער שטערענישן איך באַגעגן, אַלץ בעסער וועט אַרויסקומען מיין ווערק! — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו זיינעם אַ פריינד.

ווי נאָר די קאַניקולן האָבן זיך פאַרענדיקט, האָט די פאַר־וואַלטונג פון דער אַקאַדעמיע פאַרווערט אַנטאָקאָלסקין פאָרצוזעצן זיין אַרבעט און דעם סקולפּטאָר־קלאַס. אַנטאָקאָלסקי האָט געמוזט אַריבערטראָגן די סטאַטוע אין אַ קליינעם צימער אויף אַן אויבערשטן גאָרן. דערביי האָט זיך געמאַכט אַ קליינע, אָבער זייער אַ וויכטיקע מניעה — אַנטאָקאָלסקי האָט ניט געהאַט קיין געלט אויף צו דינגען מענטשן, וואָס זאָלן אַריבערטראָגן די סטאַטוע. און ווידער האָט אים אַרויסגעראַטעוועט דאָס זייגערל. אַנטאָקאָלסקי האָט פאַרזעצט דאָס זייגערל און באַקומען די נויטיקע מיטלען.

ביים אַריבערטראָגן די סטאַטוע האָט דער קינסטלער געהאַט גרויס קלעמעניש. די סטאַטוע איז געווען זייער אַ גרויסע. טראָגן זי ווי זי איז, האָט מען ניט געקענט און מ׳האָט געמוזט אָפּהאַקן פון איר די פיס.

שוין כמעט ביים פאַרענדיקן די אַרבעט איז אַנטאָקאָלסקי שטאַרק קראַנק געוואָרן. אַנטאָקאָלסקי האָט ניט געקענט איינליגן אין בעט, ביז וואַנען דאָס געזונט זיינס וועט זיך אינגאַנצן פאַר־בעסערן. ווי נאָר ער האָט זיך דערפילט עטוואָס פרייער, איז ער גלייך, ניט געקוקט אויפן דאָקטאָרס פאַרבאָט, אַרויס פון בעט און אַוועקגעלאָפן אין וואַרשטאַט.

עס האָט שוין לאַנג ניט געדויערט און די סטאַטוע איז פאַרטיק געוואָרן. אַנטאָקאָלסקי האָט דאַן גענומען רופן די פּראָ־פעסאָרן זיי זאָלן זיך באַמיען אַרויפגיין צו אים אין וואַרשטאַט, אַ קוק טאָן אויף זיין אַרבעט. די פּראָפעסאָרן האָבן אים אַלץ אָפּ־געלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן. דעם יונגן קינסטלער האָט

דידאָזיקע באַציונג זייער געקרענקט. אים האָט זיך זייער געוואָלט, אַז די מבינים זאָלן וואָס גיכער אָנקוקן דאָס ווערק, וואָס איז אים געווען אַזוי טייער. עס האָט זיך אים געוואָלט טיילן מיט עמיצן מיט זיינע פרייִדן. די פּראָפעסאָרן האָבן אים אָבער ניט פאַרשטאַנען. דאַן האָט אַנטאָקאָלסקי באַשלאָסן צו טאָן אַזאַ זאַך, וואָס האָט זיך אין יענער צייט גערעכנט פאַר אַ גרויסער העזה.

בראש פון דער אַקאַדעמיע זיינען געשטאַנען איינע אַ גרויס־פירשטין מאַריע ניקאָלאַיעוונא און איינער אַ פירשט גאַגארין. דידאָזיקע אַריסטאָקראַטן פלעגן אַראָפּקומען אין דער אַקאַדעמיע אין אויסעראָרדנטלאַכע פאַלן. אַנטאָקאָלסקי האָט זיך געשאַפן מוט, איז אַוועק צום פירשט גאַגארין און האָט אים איינ־געלאַדן צו זיך אין דער סטודיע. דער פירשט האָט אויפגענומען דעם יונגן קינסטלער גאַנץ פריינדלאַך און צוגעזאָגט אים צו ערפילן זיין פאַרלאַנג. ער האָט געהאַלטן וואָרט און איז אויף מאָרגן גלייך געקומען.

די סקולפּטור האָט געמאַכט אויפן פירשט אַ גוואַלדיקן רושם. אין עטלאַכע טעג אַרום איז אויך אַרויפגעקומען צו אַנטאָקאָלסקין אין אַרבעטסצימער דער פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע, די גרויס־פירשטין־אַליין. דאָס האָט געטראָפן אַן ערשטן מאָל, אַז די גרויס־פירשטין אַליין זאָל באַזוכן דעם אַרבעטס־צימער פון אַ שילער. די גרויספירשטין איז אויך באַצויבערט געוואָרן פון דער סטאַטוע. זי האָט געדריקט אַנטאָקאָלסקין די האַנט און באַשטעלט ביי אים קאָפּיעס פון איניקע זיינע אַרבעטן. נאָך דעם דאָזיקן באַזוך האָט זיך אַנטאָקאָלסקי דערפילט אַ סך מוטיקער ווי פריער.

— „אַ פונק פון האָפענונג האָט פאַר מיר אַ שיין געטאָן — שרייבט ער אין זיינע זכרונות — זאָל דערדאָזיקער פונק כאָטש ניט פאַרלאָשן ווערן. מיר וואָלט זיך אַזוי וועלן, ער זאָל זיך פונאַנדער־פלאַקערן און באַלייכטן מיין ווייטערדיקן וועג, דערוואַרימען מיין פאַרמאַטערטע נשמה. איך ז'טיי דאָך נאָך ביי דער טיר פון לעבן.

יאָהאַן דער גרויזאַמער

איך האָב דאָך נאָך ניט געלעבט. דאָס גליק האָט דאָך נאָך צו מיר קיינמאָל קיין שמייכל ניט געטאָן"...

און דער וואונטש זיינער האָט אָנגעהויבן מקוים צו ווערן דאָס גליק האָט טאַקע באַלד גענומען צו אים שמייכלען.

די ערשטע באַזוכער פון זיין סטודיע האָבן איבערגעגעבן זייערע איינדריקן פון דער סטאַטוע אין די העכערע ספערן. מ'האָט וועגן איר גענומען אַ סך ריידן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אַנטאָקאָלסקין געמאָלדן, אַז דער קייסער אַליין וויל אָנקוקן זיין סטאַטוע. און אין דעם באַשטימטן טאָג איז ער טאַקע געקומען, באַגלייט פון זיין סוויטע און אַ סך פּראָפעסאָרן. דער באַזוך פונם קייסער האָט באַשטימט אַנטאָקאָלסקיס ווייטערדיקן גורל. דער קייסער האָט אָפּגעקויפט די סטאַטוע, האָט באַפוילן אויסהאַקן זי פון מאַרמאָר און אָפּגיסן פון בראָנז.

אויף מאָרגן האָט דער ראַט פון דער אַקאַדעמיע געקרוינט דעם קינסטלער מיטן טיטול אַקאַדעמיקער.

אנטאָקאָלסקיס פרייד איז געווען אָין לשער.

נאָכן ערפאָלג פון „יאָהאַנען" האָט ער אַזוי געשריבן — „איך האָב זיך געלייגט אַן אָרימאַן און בין אויפגעשטאַנען אַ גביר. נעכטן האָט מען פון מיר ניט געוואוסט, היינט ריידן פון מ'ר אַלע".

אין עטלאַכע טעג אַרום האָט אַנטאָקאָלסקי'ס אַרבעטס־צימער באַזוכט דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער איוואַן טורגענעוו. טורגענעוו האָט שפּעטער זייער פאַרלויבט די סטאַטוע אין דער פּרעסע. ער האָט די סטאַטוע אַזוי באַשריבן:

„דער קייסער איוואַן איז פאָרגעשטעלט, ווי ער זיצט אויף אַ רייכן אַלטפרענקישן שטול. אָנגעטאָן איז ער ווי אַ מאָנאַך, אויפן קאָפּ — אַ מאָנאַכן יאַרמלקע. אויף די קני ביי אים ליגט דאָס עוואַנגעליום. שווערע מחשבות באַהערשן אים... דער קאָפּ איז אַראָפּגעבויגן, די ליפּן צונויפגעפּרעסט, די אויגן געווענדעט אי צו דער ערד אי אָן אַ צייט. מיט איין האַנט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן

הענטל פון טראָן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלן אויפהויבן; די אַנדער האַנט ליגט אָן באַוועגונג... אין יעדן שטריך פון דעם אַזוי ריכטיק געשילדערטן קרענקלאַכן פּנים, אין יעדער איינצלהייט פון דער גאַנצער פיגור קען מען, דאַכט זיך, איבערלייענען די אַלע געפילן פון דער פאַרמאַטערטער נשמה.

עס איז אויסגעדריקט אי די מורא פאַרן טויט, אי דער קאַפּריז פון אַ קראַנקן, וואָס איז צובאַלעוועט פון זיין אומבאַגרעניצטער מאַכט, אי די חרטה אויף די רשעות... ער וויל זיך אויפהויבן אָט דער אַלטער בייזער קראַנקער מענטש... און וואָס וועט ער נעמען טאָן, אַז ער וועט אויפשטיין? פייניקן מענטשן?... תּפילה טאָן?... און אפשר ביידע זאַכן צוזאַמען?״...

די גאַנצע קריטיק האָט זיך אָפּגערופן וועגן דער סטאַטוע זייער וואַרים. אַלע האָבן אָנערקענט, אַז אַנטאָקאָלסקי האָט אויפגעטאָן אַ גוואַלדיקע זאַך. דער רוף פון דער סטאַטוע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. דער לאָנדאָנער קעסינג־טאָנער מוזיי האָט געבעטן די פּעטערבורגער אַקאַדעמיע אָפּגיסן די סטאַטוע פון גיפּס פאַר דער וועלט־קאָלעקציע.

ניט געקוקט אויף דער גרויסער באַפרידיקונג און דעם ערפאָלג פון זיין אַרבעט, האָט זיך אַנטאָקאָלסקי גענומען שפּירן זייער שלעכט. דאָס געזונט זיינס האָט זיך פאַרערגערט און די דאָק־טוירים האָבן אים געראַטן אָפּצופאָרן קיין איטאַליע. אַנטאָקאָלסקי האָט פאַרלאָזן פּעטערבורג און איז אָפּגעפאָרן קיין רוים.

פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין פאַרבראַכט כּמעט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אין אויסלאַנד. ביזן יאָר 1880 האָט ער געוואוינט אין איטאַליע. ער האָט זיך דאָרט געקויפט אַ שיינע ווילע, געעפנט אַ סטודיע און גענומען שאַפן.

דאָ אין איטאַליע, אין דעם אַזוי גערופענעם טעמפּל פון קונסט, האָט אַנטאָקאָלסקי געהאַט אַ מיגלאַכקייט צו טרעפן זיך פּנים

אל־פנים מיט דער קלאַסישער קונסט. אַנטאָקאָלסקי האָט באַזוכט פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך פון דעם קלאַסישן לאַנד אומעטום געזוכט נייס, שטודירט, געפאָרשט. דאָ אין איטאַליע האָט ער דאָס געשאַפן זיינע באַרימטע ווערק „שפינאָזע", „סאָקראַטעסעס טויט", „פעטער דער גרויסער" און נאָך פיל אַנדערע. אַנטאָקאָלסקי האָט אויך באַזוכט אַ סך שטעט פון אַנדערע לענדער. ער האָט אַרומ־געררייזט איבער שווייץ, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך — אַלץ כּדי וואָס מערער צו זען, וואָס מער זיך צו לערנען:

איניקע קונסט־ווערק האָבן געמאַכט אויף אַנטאָקאָלסקין אַ שטאַרקן רושם און ער האָט נאָכן אָנקוקן זיי אַזוי געשריבן צו זיין פריינד גינזבורגן:

„די באַקאַנטשאַפט מיט ערנסטע ווערק ערלויבט דיר ניט צו באַציען זיך לייכטזיניק צו דיין אַרבעט".

אין יאָר 1880 איז אין פּאַריז פּאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג פון אַנטאָקאָלסקיס ווערק. די אויסשטעלונג האָט געהאַט אַ גוואַל־דיקן ערפאָלג. דאַן האָט דער קינסטלער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן איטאַליע און האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז, וואו ער האָט פאַר־בראַכט די לעצטע 23 יאָר פון זיין לעבן.

דער באַוואוסטער יידישער שריפטשטעלער ש. אַנ—סקי האָט אין יאָר 1894 באַזוכט אַנטאָקאָלסקיס אַטעליע אין פּאַריז און גיט איבער זייער אינטערעסאַנטע איינדריקן פון זיין באַזוך. די איינ־דרוקן פון ש. אַנ—סקי גיבן אונז אַ געוויסן באַגריף, ווי אַזוי דער קינסטלער האָט געלעבט און געשאַפן.

„...איך האָב זיך שריפטלאַך געווענדעט צו אַנטאָקאָלסקין מיט אַ ביטע ערלויבן מיר באַזוכן זיין אַטעליע. אין עטלאַכע טעג אַרום האָב איך באַקומען פון אים אַ שטאָטישע טעלעגראַמע מיט אַ מיטטיילונג, אַז זיין אַטעליע איז אָפן פאַר באַזוכער יעדן זונטאָג פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג. דעם נאָענטסטן זונטאָג בין איך אַהין אַוועק. דאָס אַטעליע האָט זיך געפונען אין אַן אַלט פאַרלאָזן הויז.

אויף אַ זייטיק געסל — ריו־באַיען — אין עק שטאָט, ביי אַ מאַרק פון גרינס. אויף מיין קלונג האָט זיך געעפנט די טיר. אין אַ האַלב־פינסטערן פאָרהויז האָט מיך באַגעגנט אָ יונגער פראַנצויז, אַ הויכער, אין אַ בלוזע פאַרשמירט מיט ליים און מיט פאַרקאַשערטע אַרבל.

— ה׳ אַנטאָקאָלסקי אַרבעט און נעמט קיינעם ניט אויף — האָט ער אַרויסגעזאָגט אַן איינגעחזרטע פראַזע.

— ה׳ אַנטאָקאָלסקי האָט מיר אָנגעוויזן, אַז זונטאָג איז זיין אַטעליע אָפן פאַר באַזוכער. — האָב איך געענטפערט און דער־לאַנגט מיין וויזיט־קאַרטע. דער פראַנצויז האָט גענומען מיין קאַרטע, איז שווייגנדיק אַוועק און באַלד אומגעקערט זיך.

— ביטע אַהער, רעכטס — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ פּאָרטיערע. — ה׳ אַנטאָקאָלסקי וועט באַלד צו אייך אַרויסגיין.

איך בין אַריין אין אַ גרויסן הויכן צימער, פאַרשטעלט אינ־גאַנצן מיט סטאַטועס, ביוסטן, באַרעליעפן, פון גיפּס, מאַרמאָר און בראָנז. צווישן זיי זיינען געבליבן נאָר שמאָלע דורכגאַנגען. די הויכע פאַרהאַנגענע פענסטער האָבן דורכגעלאָזט אַ רואיק מעלאַנ־כאָליש האַלב־ליכט, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט יענער טיפער שטילקייט און מאָדנער קילקייט, וואָס נעמט אַרום ביים אַריינ־גיין אין אַ טעמפּל. פון ערשטן בליק האָב איך זיך דורכגעדרונגען מיט אַ וואונדערבאַרער געהויבענער שטימונג, גאָר אַן אַנדערער ווי די, וואָס שאַפט זיך ביי אַ באַזוך פון אַ געוויינלאַכער קינסטלערישער אויסשטעלונג. אייניקע סטאַטועס זיינען געווען ניט פאַרענדיקט, אַנדערע—האַלב פונאַנדערגענומען. און אויף אַלץ איז געלעגן די נאָך נישט אָפּגעקילטע שעפערישע שטימונג פון קינסטלער. נאָכמער האָב איך דערפילט דעם אונטערשייד צווישן דעם זאַל מיט אַ גע־וויינלאַכער אויסשטעלונג, ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו די ווערק, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען: „שפינאָזע", „מעפיסטאָ", „נעסטאָר", „איוואַן דער גרויזאַמער" א. א. דאָס זיינען אַלץ נישט צופעליק צוזאַמענגעבראַכטע ווערק פון באַזונדערע קינסטלער, ווערק, ווייט איינע פון די אַנדערע לויט זייער טאַלאַנט, ווערט, ריכטונג און



אַנטאָקאָלסקי בײַ זיך אין אַטעליע.

אינהאַלט. דאָ איז אַלץ געווען דורכגעדרונגען מיט איין שטימונג, באַהעפט מיט איין אידעע.

עס האָט זיך דערהערט אַ געוויש פון דער פּאַרטיערע. אין זאַל איז אַריין אַנטאָקאָלסקי. אַ פּאַרטראַכטער, אין־זיך־אַריינגע־טאָענער פאַרביטערטער בליק. נישט־סימעטרישע, אַ ביסל האַרטע שטריכן פון פּנים, גראָלאַכע קורץ־געשוירענע האָר און אַ רונד בערדל. אַ קנייטש איבער שטערן, אַ שאַרפער שטריך ביי די ווינקלען ליפּן און דער ליידנדער שיין פון די אויגן האָבן צוגעגעבן דעם געזיכט אַן אויסדרוק פון נערוועזער קרענקלאַכקייט און אַ טיפע כראָנישער אומצופרידנקייט. אַזאַ אויסדרוק טרעפט זיך ביי גרויסע קינסטלער, ביי וועלכע דאָס געפיל פון שיינקייט איז צו טיף און איידל עס זאָל קענען איבערגעגעבן ווערן מיטן וואָרט, פּענזל אָדער קריץ־מעסער. דעריבער זיינען זיי שטענדיק נישט קאָנטענט מיט זייערע ווערק, נישט זיכער אין די אייגענע כּוחות. מיטן כאַ־ראַקטער פון געזיכט האָט אַנטאָקאָלסקי דערמאָנט מיקעל־אַנדזשעלאָ. אין די געזיכטס־שטריכן קיין שום ענלאַכקייט, נאָר דערזעלבער אויסדרוק פון אַ הייליקער אומצופרידנקייט. דיזעלבע מידע פאַר־האָרעוועטקייט פון אַ קינסטלער אַ פּלעביי, אַ קינד פון פאָלק, וואָס האָט אַליין געקייקלט די שווערע שטיינער, וועלכע זיין קריץ־מעסער האָט געמאַכט לעבעדיק און אומשטערבלאַך.

איבעררייסנדיק די אַרבעט, איז אַנטאָקאָלסקי אַרויס צו מיר אָן אַ ראָק, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל פון העמד. מיט שנעלע טריט איז ער דורך צווישן די סטאַטועס, איז צוגעגאַנגען צו מיר און ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן געזאָגט:

— גוט־מאָרגן. אַנטשולדיקט, וואָס איך באַגעגן אייך אין אַזאַ אַנצוג. איך אַרבעט. אפילו די האַנט קען איך אייך נישט געבן. — און באַוויזן די הענט, פאַרשמירט מיט ליים.

איך האָב אים באַדאַנקט פאַר זיין טעלעגראַם.

— דאָ געפינען זיך כּמעט אַלע מיינע אַרבעטן, גרעסערע ווערק — האָט ער זיך אָפּגערופן, נאָר אַ שאָד, וואָס דאָס רוב זיינען

זיי אין גיפּס. איך קען ליין זיי נישט אָנקוקן אין אַזאַ פאָרם. נישטאָ ערגערס פון גיפּס. אויסדריקן עטוואָס קען מען נאָר אין מאַרמאָר.

מיר זיינען געשטאַנען לעבן דער סטאַטוע פון „יאָהאַן דער גרויזאַמער".

— אינטערעסאַנט — האָט אַנטאָקאָלסקי באַמערקט — אַ רוסישן מענטשן געפעלן מער ווי אַלץ אַזעלכע ווערק, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס טיפע שמערצן, פאַרצווייפלונג, קרענקלאַכע שטי־מונגען... דער „גרויזאַמער" האָט אין רוסלאַנד געהאַט מער ערפאָלג ווי „פעטער דער גרויסער", ווי שפּינאָזע. נאָר שפּינאָזע איז גלאַט ווייניק באַקאַנט דעם ברייטן עולם... ביי אַנטאָקאָלסקין האָט זיך אויף די ליפּן באַוויזן אַ שמייכל. איך האָב אָנגעשטעלט דעם בליק אויף שפּינאָזען.

שפּינאָזע זיצט אין אַ פאָטעל, אַ מידער, מיט אַן אַראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ און צונויפגעלייגטע הענט אויף די קני, צוגעדעקטע מיט אַ דעקע. ביי די פיס ליגן מאַנוסקריפּטן. אַ גרויסער קאָפּ מיט לאַנגע ווייכע געקרייזלטע האָר, באַדייטנדע אָריגינעלע שטריכן פון פנים, אויף וועלכן עס ליגט אַ פאַרחלומטער טרויעריק־קרענק־לאַכער אויסדרוק. פון ערשטן בליק פילט מען, אַז איבער דעם קאָפּ האָט זיך נאָר וואָס דורכגעטראָגן אַ שטורים, נאָר דער שרעק־לאַכער חרם האָט נישט נידערגעשלאָגן דעם געניאַלן דענקער, ניט אַרויסגערופן ביי אים קיין האַס און פאַרביטערונג, נאָר פיזישע מידקייט און אַ טיפן טרויער. דער בליק — אַ טיפער און אַ רואיקער, גלייך ווי ער וואָלט אַריינדרינגען אין יענע ווייטע וועלטן, וועלכע דער דענקער האָט אַרומגענומען מיט זיין זשעני, אויפגעלעבט און געבראַכט אין אַ מאַטעמאַטישן סיסטעם. „אַלץ פאַרשטאַנען, אַלץ מוחל געווען" — זאָגט זיין בליק. און אַנשטאָט צער און צאָרן לייכט זיך אין אים דער אויסדרוק פון אַ באַוואוסטזיניקער אויס־געווייטאָקטער אַלוועלטלעכער ליבע. דאָס איז דער אַפּאָטעאָז פון הויכן מענטשלאַכן געדאַנק.

אַנטאָקאָלסקי איז געשטאַנען לעבן מיר און געקוקט אויף

שפינאָזע

שפינאָזען מיט אַזאַ צאַרטן בליק, ווי מע קען קוקן בלויז אויף אַן אומענדלאַך טייערן מענטשן.

שפינאָזע איז מיר טייערער פון אַלץ, וואָס איך האָב געשאַפן — האָט ער אַרויסגערעדט — דאָס איז מיין בעסט ווערק. אין אים האָב איך אַריינגעלייגט מיין גאַנצע נשמה, מיין גאַנצן יידישן צער און שטאָלץ... אין מאָמענטן פון אומעט און שווערער שטימונג געפין איך ערגעץ ניט אַזאַ באַרואיקונג, ווי ביי דער דאָזיקער סטאַטוע...*)

אַנטאָקאָלסקי האָט געדאַרפט אומקערן זיך צו זיין אַרבעט — איך בין פאַרבליבן אין זאַל צו באַטראַכטן זיינע איבעריקע ווערק.

לעבן דעם „גרויזאַמען" איז געשטאַנען די סטאַטוע „נעסטאָר".

דער אַלטער דברי־הימים־שרייבער זיצט ביי אַ פּראָסטן טיש איבער אַ גרויסן בוך. די פיגור איז איינגעבויגן און דאָך איז זי גראַציעז־גלייך און באַגייסטערט. אַ לענגלאַך געזיכט מיט אַ הדרת־פנים, אַן אָפּגעלאָזטע לאַנגע באָרד און ריכטיקע פנים־שטריכן, אויף וועלכע עס ליגט דער אויסדרוק פון אַ באַשיידענער ריינקייט

*) שפינאָזען דערמאָנט אַנטאָקאָלסקי זייער אַ סך מאָל אין זיינע בריוו. חייזט אויס, אַז ער האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע צו שאַפן דידאָזיקע געשטאַלט. אין איינעם פון זיינע בריוו דריקט זיך אַנטאָקאָלסקי אַזוי אויס וועגן שפינאָזן:

„אָ, שפינאָזע, מיט דיר קען מען שטאָלצירן, דיר דאַרף מען מקנא זיין! ווען איך וואָלט קענען, וואָלט איך דיר איבערגעגעבן מיין נשמה!..

שפינאָזע — דאָס איז דער מענטש מיטן קאָלאָסאַלן גייסט, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פון דער מיטלאַלטערישער פינסטערניש ווי אַ פעלז פון אונטערן וואַסער. ער איז זיך געבליבן טריי און קיין זאַך האָט ניט געקענט ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל זיך וואַקלען. ער האָט געפילט זיין גערעכטיקייט און פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשראָקן. ניט דער פאַנאַטיזם פון דער מאַסע, ניט דער חרם פון די רבנים, ניט דער אָפּזאָג פון דער כלה, ניט דאָס פאַרברענען פון זיינע ווערק.

זיין גייסט האָט געשוועבט הויך און ער לייכט ווי אַ שטערן אין הימל נאָך ביז היינטיקן טאָג". ש. ב.



נ ע ס ט אָ ר

און צניעות, דער אויסדרוק פון אַן אומערמידלאַכער אַרבעטשאַפט דער בליק — אַ קלאָרער, רואיקער און טרויעריק־פאַרטרוימטער, דער אַלטער מאַן איז שוין ווייט פון אַלע ליידנשאַפטן און ספקות. רואיק גייען פאַרביי פאַר זיינע אויגן רייען געשעענישן, מלחמות, הונגער, מגפות — די גאַנצע געשיכטע פון פאַרצייטיקע יאָרן, וועלכע ער שילדערט. אָבער וויפיל טיף־מענטשלאַכעס דריקט זיך אויס אין זיין רואיקן בליק.

איןביידע עקן זאַל שטייען 2 פיגורן טיפישע פאָרשטייער פון רוסישן פאָלק. איינער אַ פאָרשטייער פון פויערישן רוסלאַנד. דאָס איז „יערמאַק", דער באַזיגער פון סיביר. דער צווייטער איז אַ פאָרשטייער פון קולטורעלן רוסלאַנד — „פעטער דער גרויסער".

„פעטער" איז אַ גראַציעזער, אַ מעכטיקער, פאַרצויגן אין אַ מונדיר, מיט אַן אָפגעוואָרפענער האַנט, אין וועלכער ער האַלט זיין „דובינקע". ער איז פול מיט ענערגיע. ער איז אָנגעשטרענגט ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. דאָס איז אַן אָנשטרענגונג פון אַ שטאָלצן אַרויסרוף צום קאַמף. פעטער ווייס ווי שטאַרק עס איז זיין פיינד, דאָס אַלטע צעפוילטע און רויִנירטע רוסלאַנד. ביי פעטערן אין בליק פילט מען אַן אכזריותדיקן דעספאָטיזם און אינדערזעלבער צייט געפינט איר אויף זיין געזיכט דעם אויסדרוק פון אַ שטרענגער דורכגעטראַכטער געזעצלאַכקייט. דער געניאַלער רעפאָרמאַטאָר פון רוסלאַנד האָט געהאַט אין כאַראַקטער די ביידע עקסטרעמיטעטן. אַזוי האָט אים אויך פאַרשטאַנען אַנטאָקאָלסקי. ביי „פעטערן" איז אין איין האַנט די דובינקע און אין דער צווייטער — אַ מגילה „געזעצן".

ש. אַנ—סקי האָט אַ לענגערע צייט נאָך באַטראַכט די איבע־ריקע סטאַטועס און אַ באַצויבערטער און אַ באַגייסטערטער האָט ער פאַרלאָזן די סטודיע.

פעטער דער גרויסער.

אין פאַריז האָט אַנטאָקאָלסקי פאַרבראַכט, ווי געזאָגט, 23 יאָר. נאָכן ערפאָלג פון דער ערשטער אויסשטעלונג האָט ער אָנטייל־גענומען אין אַ סך אַנדערע אויסשטעלונגען אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער. און אומעטום האָט ער געהאַט דעם גרעסטן ערפאָלג. ער האָט באַקומען צענדליקער מעדאַלן און אויסצייכענונגען. די קונסט־אַקאַדעמיע האָט אים געקרוינט מיטן טיטול פּראָפעסאָר. זיין נאָמען איז געוואַקסן און אין משך פון אַ קורצער צייט איז ער באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט.

ניט געקוקט אויף די אַלע לויבגעזאַנגען, האָט זיך אַנטאָ־קאָלסקי דאָך ניט באַרויִקט אין זיין שאַפונג. דאָס איז געווען דער אמתער קינסטלער, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט אינגאַנצן צופרידנשטעלן מיט זיין אייגענער אַרבעט. אַז דאָס ווערק פלעגט שוין, דאַכט זיך פאַרטיק ווערן, פלעגט ער עס ווידער נעמען איבער־מאַכן, איבעראַנדערשן, אויסבעסערן. אין אַ בריוו צו אַ פריינד אין די 80־סטע יאָרן ווייזט אַנטאָקאָלסקי אָן אויף דעם: „דאַכט זיך, אַז אַלץ גייט אויסגעצייכנט. דער קינסטלער האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אין דער אַרבעט, נאָר מיטאַמאָל באַטראַכט ער זיך: „עס איז ניט גוט אזוי, עס דאַרף זיין אַנדערש”. און ער צעברעכט זיין ווערק און מאַכט עס איבער. דאָס פריערדיקע איז נאָר אַ חלום געווען”

אַנטאָקאָלסקי האָט זייער אַ סך געאַרבעט איבער זיינע ווערק. —„איך אַרבעט גאַנצע טעג — דערציילט ער—ביז מיד ווערן, איך פיל ניט קיין הענט, קיין גליד”.

וואָס ווייטער, פלעגן ביי אים געבאָרן ווערן אַלץ גראַנדיעז־זערע פלענער. דער טאַלאַנט זיינער איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

אַנטאָקאָלסקי האָט געשטרעבט אינגאַנצן זיך אָפּצוגעבן דער קונסט. ווי אַן עכטער קינסטלער פלעגט ער אין דער אַרבעט גופא געפינען דעם גרעסטן נחת־רוח. „טייערער פריינד, — שרייבט ער אין אַ בריוו — איר האָט זיך אַמאָל צוגעהערט צו די קלאַנגען, ווען

מ׳האַקט מאַרמאָר אין דער שטיל?.. פאַר מיר זיינען דאָס מוזי־
קאַלישע קלאַנגען, קלאַנגען, וואָס ציען אַרויס גייסט, לעבן פון,
דעם שטיק שטיין. איצט זיינען די קלאַנגען פאַר מיר נאָך טייערער,
זיסער. זיי זינגען מיר דעם העראָאישן מאַרש: „פאָרווערטס!״.

און אָט ווי אַזוי דער קינסטלער באַשרייבט דעם מאָמענט,
ווען ס׳קומט אָן די באַגייסטערונג צום שאַפן: „פאַראַן זאַכן, וואָס
מ׳קען ניט איבערגעבן מיט ווערטער, מ׳קען זיי נאָר פילן... פאַראַן
מינוטן, ווען די נשמה איז פריי. עס ווילט זיך דיר אויסדריקן די
אַלע געפילן, אָבער ווי אַזוי?.. גאָר פלוצים הייבט דיך אויף אַ
צאַרט ווינטעלע אויף זיינע דורכזיכטיקע פליגלען און ס׳טראָגט
דיך אַוועק הויך, הויך, אַהין וואו עס הערן זיך ניט קיין מענטש־
לאַכע זיפצן... עס זעט זיך פון דאָרט די גאַנצע וועלט, דו פילסט
זיך ווי אין אַ טעמפל, דו פילסט זיך שטאָלץ און הויך מיט דעם
אַליין, וואָס דו ביסט אַ קינסטלער״...

די מאַטעריעלע לאַגע האָט אָבער ניט ערלויבט אַנטאָקאָלסקין
אינגאַנצן זיך אָפּגעבן דער פרייער שאַפונג. כדי צו פאַרדינען אויף
דורכצולעבן, פלעגט אויסקומען דעם קינסטלער אַ סך צייט צו
פאַרברענגען ביי ניט קיין אינטערעסאַנטע אַרבעטן, ווי, למשל,
מאַכן קאָפּיעס, ביוסטן, דענקמעלער א. ד. ג. די אומצופרידנקייט
מיט דערדאָזיקער אַרבעט דריקט ער אויס אין עטלאַכע בריוו.

אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט ער אַזוי:

„די טעג בין איך נאָך דער אַרבעט געגאַנגען אַהיים דורכן
בולאָנער וואַלד. פאַרביי מיר זיינען געפלויגן קאַרעטעס, געריטן
רייטער, גראַפן, פירשטן, באַנקירן, פרויען... און איך, אַ מידער, אַ
אויסגעמאַטערטער נאָך אַ גאַנצן טאָג פון גימנאַסטישע איבונגען
מיט אַלע מוסקלען, וואָס האָב איך אויפגעטאָן — אַ ביוסט פאַר אַ
באַראָן!... און צוליב וואָס? כדי צו באַפרידיקן דעם מאָגן״...

דער רוישיקער און קאָכיקער פאַריז האָט ניט באַפרידיקט
דעם קינסטלער און ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן איינזאַמקייט און



נ ת ן ד ע ר ח כ ם .

(דער העלד פון דער באוואוסטער דראמע „נתן דער חכם“ פון דעם
בארימטן דייטשישן שריפטשטעלער גאטהאלד אפרים ל ע ס ס י נ ג).

רואיקייט. — „איך וואָלט גערן אויסבייטן פּאַריז אויף אַ קליין שטעטל, וואו איך זאָל קענען פריי שאַפן... שאַפן, וואָס די נשמה פאַר־לאַנגט – וואָס קען זיין העכער?... ס'ווילט זיך אַוועקפאָרן אַהין, וואו ס'איז ווייניקער מענטשן און מער נאַטור!"..

אַנטאָקאָלסקי האָט זייער ליב געהאַט די נאַטור. אין איינעם פון זיינע בריוו פון דער שווייץ שרייבט ער אַזוי: „די נאַטור איז דאָ גראַנדיעז, רואיק און גרויסאַרטיק. די לעצטע צייט ווירקט זי אויף מיר נאָך בעסער ווי מוזיק. זי ווירקט אויף מיר שעפעריש. צייטנווייז זיץ איך און שמועס מיט דער אַרומיקער נאַטור און באַמערק ניט, ווי עס פאַרלויפן די שעהן..."

אַנטאָקאָלסקי האָט געהאַט זייער אַ סך פּלענער. „ווען איך וואָלט קענען שאַפן כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס עס רופט מיר אין מוח, — באַקלאָגט ער זיך אין אַ בריוו — וואָלט איך געווען גליקלאַך. דאָס פאַרשאָלטענע געזונט שטערט אָבער צו אַרבעטן פריי". צום גרויסן באַדויערן האָט אַנטאָקאָלסקי פיל פון די פּלענער ניט באַוויזן צו פאַרווירקלאַכן. פאַרן טויט האָט ער דערציילט זיין פריינד, דעם סקולפּטאָר גינזבורגן, אַז ער האָט באַטראַכט צו שאַפן אַ גאַנצן ציקל פון נייע ווערק מיטן נאָמען „די וועלט־טראַגעדיע". דאָס האָבן געזאָלט זיין דריי גרויסע באַרעליעפן: 1) דער אָנפאַל פון די קולטור־פעלקער אויף די באַרבאַרן, 2) דער אָנפאַל פון דער אינ־קוויזיציע אויף די יידן און 3) דער אָנפאַל פון די געצנדינער אויף די קריסטן. ער האָט אויך געטראַכט צו שאַפן אַ גראַנדיעזן ווערק מיטן נאָמען „שלום געמאַכט". דאָס ווערק האָט מיט זיך געזאָלט פאָרשטעלן ווי צוויי שונאים זיינען נאָכן קאַמף געפאַלן טויט, און דיביידע טויטע ליגן אַרומגענומען.

ביי אַנטאָקאָלסקין אין אַטעליע האָט גינזבורג געפונען אַ סך ניט קיין פאַרענדיקטע ווערק, ווי, למשל, די סטאַטועס פון לעאָנאַרדאָ ד'ווינטשי „שמשון הגבור" א. א.

די אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט שטאַרק געווירקט אויפן שוואַכן געזונט פון דעם גרויסן קינסטלער.

וואָס ווייטער האָט זיך אַנטאָקאָלסקי גענומען שפּירן אַלץ ערגער און ערגער.

די דאָקטוירים האָבן אים אויף אַ געוויסער צייט אינגאַנצן פאַרבאָטן צו אַרבעטן. דער קינסטלער האָט אָבער אָן אַרבעט לאַנג ניט געקאָנט פאַרבלייבן. ווי נאָר דאָס געזונט זיינס פלעגט זיך עטוואָס פאַרבעסערן, פלעגט ער ניט קוקן אויפן פאַרבאָט פון די דאָקטוירים און ווידער אָנהייבן צו באַזוכן דאָס אַרבעטס-צימער.

די קראַנקייט איז דערווייל געוואָרן אַלץ געפערלאַכער, דער אָרגאַניזם פונם קינסטלער — אַלץ שוואַכער. אַנטאָקאָלסקי איז סוף-כל-סוף געצוווּנגען געווען צו לייגן זיך אויף אַ לענגערער צייט צו בעט.

דערזען אַז ס'איז שלעכט, האָבן די קרובים אַריבערגעפירט דעם חולה קיין פראַנקפורט, נאָכדעם קיין האַמבורג און דאָרט נאָך עטלאַכע טעג פון שווערע ליידן האָט דער קינסטלער אויסגעהויכט זיין נשמה.

דאָס אומגליק האָט פּאַסירט דעם 26 יוני פון יאָר 1902.

דער טויט פון מאַרק אַנטאָקאָלסקי האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף אַלע זיינע פריינד און אויף דער גרויסער צאָל פון זיינע פאַרערער אין פאַרשיידענע לענדער פון מערב אייראָפּע, אין אַמעריקע און דערהויפּט אין רוסלאַנד.

דעם טויטן קערפּער האָט מען אין אַ ספּעציעלן צוג געבראַכט פון האַמבורג קיין פּעטערבורג. דעם טרויערצוג איז אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך די גרויסע שטעט פון דעם דאַמאָלסדיקן יידישן תחום: קאָוונע, ווילנע, דווינסק א. א. אין די אַלע שטעט האָבן דעם צוג באַגעגנט גרויסע מאַסן מענטשן. הונדערטער דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן זיינען געקומען אָפּגעבן דעם גרויסן קינסטלער דעם לעצטן כבוד, אַרויפגעלייגט אויפן אָרון קרענץ און בלומען.

סאָקראַטעסעס טויט.

סאָקראטעס איז געווען אַ גריכישער פילאָזאָף און לערער. (געלעבט אין V י. ה. פאַר קריסטוסעס געבורט). אין זיינע רעדעס צום פאָלק פלעגט סאָקראטעס אָפט אַרויסטרעטן קעגן דעם אומרעכט פון די „פּני״ פון דער שטאָט אַטהען, קעגן זייער שלעכטער פירונג און אויך קעגן די גבירים, וואָס לעבן פון פרעמדער פּראַצע. די „פּני״ זיינען אים דערפאַר געוואָרן דם־שונאים און גענומען זוכן מיטלען, ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן.

ענדלאַך האָבן זיי אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול, אַז ער בוקט זיך ניט צו די שטאָטישע געטער און פירט אַראָפּ פון דרך הישר די יונגע לייט.

מע האָט דערפאַר סאָקראַטעסן געמשפּט און פאַרמשפּט צום טויט: ער האָט געדאַרפט אויסטרינקען אַ בעכער סם.

אויף דער סקולפּטור איז סאָקראַטעס פאָרגעשטעלט אין דעם מאָמענט פון טויט, ווען ער האָט אויסגעטרונקען די סם.

דעם אָרון האָבן באַגלייט די פּרוי מיט די קינדער פון דעם פאַרשטאָרבענעם און דער תּלמיד זיינער, דער באַוווּסטער סקולפּטאָר אליהו גינזבורג.

גינזבורג דערציילט, אַז די דעפּוטאַציע פון דער ווילנער געמיינדע האָט פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל אַנדערש ניט באַערדיקן דעם קינסטלער אויפן בית־עולם פון זיין געבורטשטאָט.

די קרובים פון פאַרשטאָרבענעם האָבן אָבער אויף דעם ניט מסכּים געווען. דעם טויטן קערפּער האָט מען אָפּגעפירט קיין פּעטערבורג און דאָרט אים מקבּר געווען אויף דעם יידישן פּרעאָבראַזשענסקן בית־עולם.

די לוויה פון דעם קינסטלער איז געווען אַ גראַנדיעזע.

דעם אָרון האָבן באַגלייט טויזנטער מענטשן.

מ׳האָט געטראָגן פיל קרענץ פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און פאַריינען.

ביים אָפענעם קבר האָבן פיל פון אַנטאָקאָלסקיס פריינד און פאַרערער, יידן און קריסטן, געהאַלטן רעדעס. אַלע האָבן אָנגעוויזן אויף דער גרויסער באַדייטונג פון אַנטאָקאָלסקיס שאַפונג און איין געדאַנק האָט פאַראייניקט אַלע רעדעס:

„עס איז אַוועק פון דער וועלט אַ גרויסער קינסטלער, וואָס זיין גלייכן איז נאָך אין רוסלאַנד קיינמאָל ניט געווען“.

די באַדייטונג פון אַנטאָקאָלסקיס שאַפונג פאַר דער קונסט בכלל און פאַר דער רוסישער ווי אויך טיילווייז פאַר דער יידישער קונסט בפרט איז זייער גרויס.

ביז אַנטאָקאָלסקין איז אין רוסלאַנד די סקולפּטור געשטאַנען אויף זייער אַ נידעריקער מדרגה.

אַנטאָקאָלסקי האָט מיט זיינע שאַפונגען דערהויבן די רוסישע סקולפּטור צו דער מדרגה פון דער מערב־אייראָפּעאישער און מיט אייניקע ווערק אפילו נאָך העכער.

דער לעצטער פרילינג.

דאָסדאָזיקע בילד איז א פּאָרטרעט פון דעם קינסטלער מארק גינזבורג, וואָס איז געשטאָרבן א יונגער פון טובערקוליאָז. ס׳איז א טרויעריק בילד.

אנטאָקאָלסקי האָט אָנגערופן דאָס בילד—„דער לעצטער פרילינג“.

אין דער טיף זיינען בלאָס אָנגעצייכנט עטלאכע ביימער. ס׳איז אָנהייב פרילינג. די קנאָספּן פון די ביימער האָבן נאָך ניט באוויזן זיך פונאנדערצו־לאָזן. דער יונגער קראנקער קינסטלער קוקט אויפן פרילינגס־בילד מיט פאר־בענקטע אויגן. ער פארצייכנט דאָס בילד אין זיין אלבאָם. ס׳קען זיין, אז ער טוט דאָס שוין א לעצטן מאָל...

אַנטאָקאָלסקי האָט אַריינגעבראַכט אין דער סקולפּטור פיל נייס. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אין דער סקולפּטור זיינע העלדן אַזוי ווי זיי לעבן אין דערווירקלאַכקייט, מיט דער גאַנצער אַרומיקער סביבה: ווענט פון דער שטוב, טירן, פענסטער, טרעפּ א. ד. ג.

אַנטאָקאָלסקי האָט אויף אַזאַ אופן דער ערשטער געפּרוווט געבן דער סקולפּטור די זעלביקע רעכט און מיגלאַכקייטן, וואָס ס'האָבן ביז אים עקזיסטירט נאָר פאַר מאַלעריי.

אַנטאָקאָלסקי האָט אויך געשאַפן גאָר אַ נייעם מין סקולפּטור אין דער באַציונג צום אינהאַלט. „אין אַ קונסט, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון מאַטעריעלער שיינקייט, פון גוף, האָט ער אַריינגעטראָגן אַ גייס-טיקייט, אַ נשמה*)".

אַלע ווערק פון מאַרק אַנטאָקאָלסקי דריקן אויס געוויסע גע-דאַנקען, געפילן און אידעען.

„אין דער קונסט—שרייבט ערגעץ אין אַ בריוו אַנטאָקאָלסקי— טאָר ניט זיין קיין פאָרם אָן אינהאַלט... די הויפּטזאַך ביי מיר, ווי אין לעבן, אַזוי אויך אין דער קונסט, איז נשמה. דאָרט, וואו עס ענדיקט זיך נשמה, הייבט זיך אָן טויט"...

און אין אַ צווייטן בריוו שרייבט ער אַזוי: „איך האָב ניט ליב די פראַנצויזן. ביי זיי איז די פאָרם, די פּאָזע, העכער פון אַלץ; דער אינהאַלט, די נשמה—נאָר אַ צוגאָב"...

די הויפּט-טיפּן פון אַנטאָקאָלסקיס שאַפונג זיינען אַלע באַ-העפט מיט איין אידעע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די ווערק פון דעם קינסטלער געהערן צו פאַרשיידענע עפּאָכן, קולטורן און פעלקער.

„אָנהייבנדיק פון סאָקראַטעסן ביז פּעטער דעם גרויסן זיינען זיי כמעט אַלע פּיאָנערן, נייע ווערטער, מענטשן פון אַ גרויס, גייסטיקן כוח, פון שטאַרקער איבערצייגונג און ריזיקער ענערגיע.

---

*) באַמערקונג פון ש. אַנ—סקי.

מעפיסטאָ.

מעפיסטאָ איז א שד, א בייזער גייסט. אנטאָקאָלסקי שטעלט א ים פאָר אין געשטאַלט פון א מענטשן, ווי ער זיצט אויפן ברעג פון א פעלז צונויפגעבויגן אין ארומ־נעמענדיק מיט די הענט די קני פון די אראָפּהענגענדיקע פיס.

„א נאקעט שטארק לייב. לאנגע ביינִיקע פינגער, א לענגלאך מאָגער געזיכט מיט שארף אויסגע־קרימטע מוסקולן, מיט א שפּיציק בערדל, א גרויסער שטערן, א דינע האָרבאטע נאָז, טרוקענע שטייף צונויפגעפּרעסטע ליפּן, מיט א קרומען קאלטן גיפטיקן שמייכל... איבערהויפּט אויסדריק־לאך איז דער בליק. א שטארקער, א דרייסטער, פול מיט פאראכטונג פון א שטאָלצער איינזאמקייט, מיט א צאָרן פון א פארשמידטן, זשעני־דרינגט ער דורך, מיט א טויטן קאלטן שיין פון א שארפן חלף. פון דער גאנצער פיגור, דער צעוויטאָקטער זון שטארקער, גרויזאמער און צוציענדיקער גיט אָפּ מיט א שוידערלאכן שרעק".

כמעט אַלע שטייען זיי איינזאַם אַנטקעגן דעם אויפגערעגטן פיינדלאַך געשטימטן המון, וועמען זיי האָבן געוואָרפן אַ דרייסטן אַרויסרוף, און כמעט אַלע פאַלן זיי אין קאַמף.

די מאַסע פאַרסמט סאָקראַטעסן, לייגט אַריין אין חרם שפּינאָזן, ברענגט אום די איבעריקע העלדן.

נאָר אַז מע קוקט זיך צו צום גאַנצן בילד, זעט מען, אַז אין דעם ריזיקן קאַמף צווישן די פּיאָנערן און דער אינערטער וועלט איז דער נצחון געבליבן אויף דער זייט פון די פּיאָנערן. געסמטע און דערהרגעטע, אָפּגעשטויסענע און אַנידערגעוואָרפענע שטייען זיי פאַר אונז מיט אַ הויכן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ פאָן פון נצחון ווייל געזיגט האָבן זיי*)".

*

די טעמעס פאַר זיינע הויפּטווערק האָט אַנטאָקאָלסקי גענומען ביי אַנדערע פעלקער. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער געאַרבעט פאַר דער רוסישער קונסט, די בעסטע פּרוכט פון זיין גרויסן טאַלאַנט האָט געגאָסן ניט דאָס פאָלק, פון וועלכן דער קינסטלער איז אַרויסגעוואַקסן. און באַרימט איז מרדכי אַנטאָקאָלסקי געוואָרן ניט ווי אַ יידישער, נאָר ווי אַ רוסישער סקולפּטאָר...

ניט געקוקט אָבער אויף דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון אַנטאָקאָלסקיס שאַפונגען געהערן צו אַנדערע פעלקער, האָט דער קינסטלער אַ גרויסע באַדייטונג אויך פאַר דער יידישער קונסט. אַנטאָקאָלסקי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן יידישע טיפּן אין דער סקולפּטור. די יידישע טעמעס פאַרנעמען זייער אַ וויכטיקן אָרט אין דער שאַפונג פון דעם גרויסן קינסטלער. מיט זיינע ווערק האָט ער געגעבן דעם נויטיקן שטויס די ווייטערדיקע קינסטלער, וואָס וועלן זיך אָפּגעבן מיט דער יידישער קונסט.

אַנטאָקאָלסקי האָט פאַר זיי געשאַפן מוסטערן.

---

*) ש. אנ—סקי.

די פריינד, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו אַנטאָקאָלסקין גיבן איבער, אַז דער קינסטלער האָט איבערגעלעבט אַ אינערלאַכע טראַגעדיע. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער זיך געפילט פרעמד, איינזאַם און געבונדן אין דער קריסטלאַכער סביבה. עס האָט אים געצויגן צו זיין שורש. ער האָט אַלץ געחלומט וועגן אומקערן זיך צו יידן, צו יידישע טעמעס.

דער קינסטלער האָט אָנגעמערקט אַ סך טעמעס פון יידישן לעבן. ער האָט אָבער די אַלע פלענער זיינע, ניט באַוויזן צו פאַרווירקלאַכן.

דער פריצייטיקער טויט האָט אים אָפּגעריסן פון דער אַרבעט.

באַרימהאַרציקע שוועסטער.

פאָרטרעט פון מרדכי אַנטאָקאָלסקי

(געצייכנט פון איליא רעפּין).

דער פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול“ האָט שוין אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער:

א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אַריטמעטישער רעכנבוך (פאַרן 1-טן לערניאָר) באאַרבעט לויט שטעקלין און אַנדערע (2 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאָמסקי.

2. אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באַאַרבעט לויט שטעקלין און אַנדערע פון ש. באַסטאָמסקי.

3. אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט) (5 אויפ. אַגעס) פון ש. באַסטאמסקי.

4. אַריטמעטישער רעכנבוך (פלעדליי צאָלן). (4 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאמסקי.

5. אַריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן) (4 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאמסקי און ל. הורוויץ. מיט אַ ביילאַגע פון דער טערמינאַלאָגיע פון אַריטמעטיק אויסגעאַרבעט פון אַ קאָמיסיע ביי דער ווילנער יידישער לערער-געזעלשאַפט.

6. ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן—„לעבעדיקע קלאַנגען“ אַ רייך-אילוסטרירטער א״ב

7. „לעבעדיקע קלאַנגען“ כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר די „לעבעדיקע קלאַנגען“ זיינען באַשטעטיקט פון אַ קאָמיסיע לערער ביים ווילנער צ. ב. ק.

8. „לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאמאַטיע פאַרן 2-טן לערניאָר. פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

איינציכן ערשיינט—

„דער נייער לערער“—זאַמלונג פון שריפטלעכע איבונגען ווי אַזוי אויסצולייגן די געדאַנקען.

אַריטמעטישער רעכנבוך—לעצטער טייל (פראָצענטן, דיסקאָנט, דרייכללי א. א.)

מעטאָדישע אָנווייזונגען צו „די לעבעדיקע קלאַנגען“ מיט אַ פרווו-פראָגראַם פון יידיש פאַר דעם 1-טן לערניאָר.

כרעסטאָמאַטיע פאַר די עלטערע קלאַסן.

ב) ביכער פאר קינדער:

פון ש. באסטאמסקי

פ א ר   י י נ ג ע ר ע:

1) יעקעלע נאר, 2) יודע דער וואסערטרעגער און זיינע מעשיות 3) מזל. 4) צוויי מתנות. 5–6 א) דער נס. ב) דער צדיק. 7) דער בוים און דער ווינט. 8) יינגל–צינגל. 9) די אמתע כלה. 10) דריי מענטשעלאך 11) קארוזא. 12) דער ליגנער, 13) די נאשערקע. 14–15) מעשהלאך פון עזאפ (2 העפטן). 16) כישופמאכער און זון. 17) גיובערהאפען. 18) דער פארשלאסענער קאסטן. 19) לעגענדעס פון אמאל. 20) דער קונדס (זאמלונג פון רעטענישן, רעבוסן, אויפגאבן א. א.). 21) דער העלדישער שניידערל. 22) דאס גרויסע הארץ. 23) דאס ווינטעלע, 24) דער קייסער און דער צדיק.

פ א ר   ע ל ט ע ר ע:

1) פריטיאף נאנסען און זיין רייזע צום צפונדיקן פאלוס (אילוסטרירט). 2) אין דער נאכט פון בדיקת חמץ 3) י. ל. פרץ (זאמלבוך). 4) דייוויד ליווינגסטאן, זיין לעבן און זיינע רייזעס איבער אפריקע. 5) הענרי סטענלי און זיינע רייזעס 6) ווי אזוי קאלומבוס האט אנטדעקט אמעריקע (אילוסטרירט) 7) זאלץ. 8) מרדכי אנטאקאלסקי ביאגראפיע (רייך אילוסטרירט) 9) די באפרייאונג פון די שווארצע קנעכט. (א ריי ביאגראפיעס. אילוסטרירט)

ק י נ ד ע ר פ י ע ס ע ס:

1) פרילינג קומט! פאנטאסטישע קינדער-פיעסע אין 2 אקטן מיט געזאנג און טענץ.

ג) מאטעריאל צום יידישן פאלקלאר:

1. יידישע פאלקסרעטענישן. 2) אויפלאגעס
נעזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי.

2. זאמלונג פון יידישע שפריכווערטער פאר שול און פאמיליע

3) „ביים קוואל" צווייטגעשטעלט פון ש. באסטאמסקי.
יידישע שפריכווערטער. ווערטלאך
רעדנסארטן, פארגלייכענישן, ווינטשענישן, ברכות, שבועות קללות, חרמות, סימנים, סגולות, און זאבאבאנעס.
נעזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי.

4) „ביים קוואל" II באנד: יידישע פאלקסלידער
געזאמלט פון ש. באסטאמסקי.

מיט'באשטעלונגען זיך ווענדן לויטן אדרעס: ווילנע סטעפאנאס 11,24 28.

Drukarnia Br. Rozental. Wilno, Rudnicka 7.